NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 20 גראָשען

12 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 202 | Łódź, Niedziela, 30 Sierpnia 1936 | אדרעס: לאָדז, פּעטריקאָווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאָדז, זונטאָג פּ' תבא י״ב אלול תרצ״ו | 14-טער יאהרגאַנג

פרישער יודישער קרבן

פון אַראַבישען טעראָר אין ארץ-ישראל

פוילישער יוד—סטודענט פון העברעאישען אוניווערזיטעט שווער פערוואונדעט

אַראַבער שיסען צו יודען און טרעפען—אַראַבער. — שיסעריי אין שטאָט-צענטער פון ירושלים

ירושלים, 29 (יט״א טעלעגראַפיש)

דער יודישער ישוב האָט היינט ווידער בע-צאָהלט אַ יונג לעבען דעם אַראַבישען טעראָר.

היינט (פרייטאָג) אין די פריהמאָרגען-שעה׳ן האָבען אַראַבישע טעראָריסטען פון אַ בעהעלטניש געשאָסען צו אַ יודישען אויטאָבוס, וואָס איז אַרויס פון דער קאָלאָניע קרית ענבים (צו מערב פון ירושלים), אין דער ריכטונג פון ירושלים. די שיסעריי איז געווען זעהר אַ העפ-טיגע, און איין יודישער פּאַסאַזשיר איז אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן. אַ צווייטער פּאַסאַזשיר איז שווער פערוואונדעט, אַ דריטער יוד איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען.

דער אומגעקומענער איז דער 19-יעהריגער חד נשרי (נישרי), אַ געבוירענער אין א״י.

אין דער שיסעריי איז שווער פערוואונדעט געוואָרען יעקב יאַנאָווסקי, 22 יאָהר אַלט. ער איז אַ סטודענט און שטאַמט פון פוילען.

אויך דער לייכט פערוואונדעטער איז אַ סטודענט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט זיין נאָמען איז דוד קאַראַסאַ.

ווען דער אויטאָבוס פון קרית-ענבים איז שפּעטער געקומען קיין ירושלים און זיך אָפּגע-שטעלט פאַרן הדסה-שפּיטאָל, אין צענטער שטאָט זענען פון אַ זייט אונטערגעלאָפען צוויי אַראַ-בער, וועלכע האָבען אַרויסגעכאַפּט רעוואָלווע-רען און גענומען שיסען אין דער ריכטונג פון אויטאָבוס און די אַרומשטעהענדע יודען. איינער פון די שיסער האָט אָבער דורך אַ צופאַל אויס-געשאָסען צו זיין אַראַבישען חבר און איהם פערוואונדעט. דער שיסער איז אַנטלאָפען. דעם צווייטען אַראַבער, דעם פערוואונדעטען, האָט מען פערהאַלטען און אַרעסטירט. עס איז דער-בייי אויך אַרעסטירט געוואָרען אַ יוד, וואָס האָט גענומען נאָכלויפען דעם אַנטלאָפענעם אַראַבער.

אַ קורצע ווייל שפּעטער האָט אין דער זעלבער געגענד, נעבען דער הויפּט-קוואַרטיר פון די קעניגליכע ענגלישע לופט-קרעפטען אין א״י, אין שכונות מיטן הדסה-שפּיטאָל, עקספּלאָ-דירט אַ באָמבע, געוואָרפען דורך אַן׳אַראַבישען טעראָריסט, קיין קרבנות זענען נישט געווען. אין אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט אַן אַראַ-בער אין רחוב יפו — אויך אין שטאָט-צענטער — פון אַ רעוואָלווער געשאָסען, צילענדיג אין אַ יו-דישע פרוי. די קויל האָט אָבער דורך אַ צופאַל געטראָפען אַ צווייטען אַראַבער, וואָס האָט זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון שיסער. דער אַראַבער איז שווער פערוואונדעט געוואָרען. ביידע אַראַבער האָבען אָנגעהויבען אַנטלויפען דורכגעהענדע יודען זענען זיי אָבער נאָכגעלאָ-פען און ביידע פערהאַלטען. דער שיסער איז צושלאָגען געוואָרען. מען האָט איהם אָפּגע-פיהרט אין תפיסה-שפּיטאָל.

אַראַבישע קינדער-מערדער ווידער טעטיג

פיר יודישע קינדער פערוואונדעט אין טבריה, צוויי שווער. — דריי באָמבעס אין טבריה, — באָמבע אין יפו דערהרגעט אַן׳אַראַבער און דריי פערד

ירושלים, 29 (יט״א טעלעגראַפיש)

אַראַבישע טעראָריסטען האָבען היינט גע-וואָרפען אַ באָמבע אויף דער רחוב השלום אין טבריה. די באָמבע וועלכע איז געווען פון גרויסער אויטאָ-קראַפט, האָט עקספּלאָדירט און פער-וואונדעט 4 יודישע קינדער, 2 קינדער זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען: דער 8 יעהריגער אליהו אבו און זיין 7-יעהריגער ברודער די צוויי. לייכט-פערוואונדעטע קינדער זענען: דער 10-יעהריגער רפאל גרבלי און זיין 6-יעהריגע שוועסטער.

אין טבריה זענען היינט (פרייטאָג) דורך טע-ראָריסטען געוואָרפען געוואָרען נאָך צוויי באָמבעס, וועלכע האָבען אָבער נישט גורם געווען קיין קרבנות.

אַראַבישע טעראָריסטען האָבען היינט אויך גע-וואָרפען אַ באָמבע אין יפו. אין דער נאָהענט פון דער דאָרטיגער תפיסה. אַן׳אַראַבישער אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך געפונען אויפ׳ן תפיסה-הויף, איז דער-הרגעט געוואָרען. עס זענען אויך דערהרגעט געוואָ-רען דריי פערד, וואָס האָבען נאָהענט פון פּלאַץ, וואו די באָמבע האָט אויסגעריסען, געטרונקען וואַסער.

ירושלים (יט״א) דער אָפיציעלער רעגירונגס קאָמוניקאַט וואָס איז ערשינען היינט (פרייטאָג) ביי טאָג, מעלדעט אַז אין דער רחוב הנביאים אין ירושלים איז געוואָרפען געוואָרען אַ באָמבע, און פון אויפרייס איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען אַ יודישע פרוי, אויף דער זעלבער גאַס איז אויך פערוואונדעט געוואָרען אַן׳אַראַבער.

שפּעטער זענען פיער אַראַבער אויף דער יפו-גאַס בעשאָסען געוואָרען. און איינער פון זיי איז דערהרגעט געוואָרען.

דריי אַראַבער — טיילט ווייטער מיט דער קאָמוניקאַט — זענען אין ירושלים אָנגעגריפען גע-וואָרען דורך יודען, וועלכע האָבען געמיינט, אַז זיי האָבען עס געוואָרפען אַ באָמבע, אָבער די זיי האָבען עס געוואָרפען אַ באָמבע, אָבער די יו-דישע פּאָליציאַנטען האָבען די אַראַבער געראַטע-וועט.

ירושלים (יט״א) די אַראַבישע צייטונג „על דזשאמעא אל-אַראביא״ טיילט היינט מיט, אַז די נעכסטע טעג וועט אין אַ געהיימען פּלאַץ אין די הערג פאָרקומען אַ „געהיימע קאָנפערענץ פון די קאָמענדאַנטען פון אַלע אַראַבישע טעראָר-גרופּען״, וואָס זענען טעטיג אין פערשידענע געגענדען פון א״י.

די צייטונג ווייס איבערצוגעבען. אַז די דאָ-זיגע קאָנפערענץ וועט בעשליסען פאָרטצוזעצען דעם איצטיגען טעראָר, נישט נעמענדיג אינבאַנצען אין אַכט די פערהאַנדלונגען. וואָס ווערען איצט געפיהרט צווישען דער א״י-רעגירונג און די פיה-רער פון די אַראַבישע פּאַרטייען.

די אַראַבישע צייטונג דריקט אויס מיט צי-נישער אָפענהערציגקייט איהר צופרידענהייט פון אַזאַ שטעלונג פון די טעראָר-באַנדעס און שרייבט, אַז אַ בעשלוס אין דער ריכטונג פון פאָרטזעצען דעם טעראָר וואָלט געווען זעהר אַ ריכטיגער.

גורל פון דער יודישער עליה

ווערט דעצידירט אין לאָנדאָן און נישט אין ירושלים

ד״ר ווייצמאַן קעהרט זיך אום קיין לאָנדאָן — דער הויך-קאָמיסאַר האָט נישט קיין רעכט אָפּצו-שטעלען די עליה, — פאַר אַזאַ שריט איז נויטיג דער בעשלוס פון גאַנצען ענגלישען קאַבינעט

לאָנדאָן, 29 (יט״א טעלעגראַפיש)

פון אויטאָריטאַטיווע אינפאָרמאַציעס, וואָס די יט״א האָט בעקומען, איז פעסטצושטעלען, אַז די פראַגע וועגען גורל פון דער יודישער עליה קיין א״י איז איצט אַריבער פון ירושלים קיין לאָנדאָן.

ד״ר חיים ווייצמאַן, וועלכער ווײלט איצט אויף דער סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט אין ציריך, וועט צוריקקומען קיין לאָנדאָן מאָנטאָג פריה, מעגליך, אַז ער וועט קומען קיין לאָנדאָן נאָך פריהער.

אין לאָנדאָן וועט ד״ר ווייצמאַן זיך צונויפ-טרעפען מיטן קאָלאָניען-מיניסטער אָרמסבי-גאָר מיט וועלכען ער וועט בעהאַנדלען די פראַגע וועגען דער יודישער עליה. ד״ר ווייצמאַן וועט זיך בעמיהען אויפצוקלערען דעם קאָלאָניען-מיניס-טער די לאַגע און איהם פאַרשטעלען דעם יודי-שען שטאַנדפונקט.

אין ירושלים קורסירען — ווי בעקאַנט — קלאַנגען, אַז דער הויך-קאָמיסאַר, סער ארטור וואוקאָפּ האָט זיך לגבי די אַראַבער מתחייב געווען אָפּצושטעלען די יודישע עליה קיין א״י (געבען אַנדערע קאָנצעסיעס). אויב די אַראַ-בער וועלען אָפּרופען דעם שטרייק און אָפּ-שטעלען דעם טעראָר.

נישט פערלירען דעם מוט!

דעפּעשע פון אַ אָנגעזעהענער ציוניסטישער פּערזענליכקייט וועגען דער עליה

וואַרשא, 29 (טעלעפאָניש)

קיין וואַרשא איז אָנגעקומען אַ דע-פּעשע פון אַ אָנגעזעהענער פּערזענליכ-קייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. אין דער דעפּעשע ווערט געזאָגט, אַז מען זאָל נישט פערלירען דעם מוט, הגם די געפאַהר פון שליסען די עליה שטעהט פאַר דער טיר, קען אָבער נאָך אין לעצ-טען מאָמענט פאַרקומען אַ ענדערונג און מען דאַרף דעריבער נישט פער-צווייפלען.

2 ענגלישע זעלנער דערהרגעט

בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט אַראַבישע באַנדעס

ירושלים, 29 (יט״א טעל.)

היינט איז ביי דער לאַנדווירטשאַפטליכער שול אויפ׳ן נאָמען פון כזורי פאָרגעקומען אַ בלוטיגער צוזאַמענשטויס צווישען ענגלישען מיליטער און אַראַבישע טעראָריסטען באַנדעס. צוויי ענגלישע זעל-נער זענען דער׳הרגעט געוואָרען און דריי זענען לייכט פערוואונדעט.

נעבען תל-אביב איז געוואָרפען געוואָרען אַ באָמבע פון וועלכער עס איז פערוואונדעט געוואָרען דער 28-יעהריגער תימנער קאַדירי.

דר. ווייצמאַן אָפּגעפאָהרען קיין לאָנדאָן

ציריך, (יט״א טעל.) דער פרעזידענט פון דער יודישער אַגענץ דר. חיים ווייצמאַן האָט היינט פערלאָזען ציריך און איז אָפּגעפאָהרען קיין לאָנ-דאָן, ווי יט״א האָט שוין מיטגעטיילט, וועט דר. ווייצמאַן אין לאָנדאָן קאָנפערירען מיט׳ן קאָלאָניען-מיניסטער אָרמסבי-גאָר און איהם פאַרשטעלען דעם יודישען שטאַנדפונקט אין דער פראַגע פון דער יודישער עליה.

הוי נפלה עטרת ראשנו.
אחוי מחלה כבדה וממשכה נאסף אל עמיו האיש החסיד המצוין במידותיו
נ״ע עמנואל פרימאן
ב״ר שרגא פייטר ז״ל
בשנת ע״א לימי חייו.
הלויתו למנוחת עולמים תהי׳ היום ביום א׳ י״ב אלול תרצ״ו, בשעה 1
אחה״צ מבית האבל רח׳ב טראוגוטא 11.
השרום בצער עמוק
משפחתו המתאבלת.

מוסדות ההגור
„ארחות נעם"

„ארחות נעם" הראשון, — קילינסקיעגא 50, טעל. 215-26
„ארחות נעם" השני. — אל. 1-טער מאי 20, טעל. 200-43

די איינציגע רעליגיעזע שולען אין לאָדז, וואס זענען קאָנצעסיאָנירט אלס שולען פון דער העכסטע מדרגה, ד. ה. (3-ci stopień)

אינשרייבונגען פון תלמידים צום נייעם שול-יאהר 1936/37 ווערען אנגענומען אין די קאַנצעלאַריעס פון די אויבענדערמאנטע שולען.

די מתיבתא לתלמוד ולהוראה ווערט פערגרעסערט און וועט שטעהן אונטער דער לייטונג פון רבנים גדולי התורה.

די העכערע קלאַסען ווערען רעאָרגאַניזירט, און עס וועלען אחוץ אַ ברייטען האַנדעלס-קורס געלערנט ווערען 2 פרעמדע שפראַכען.

די גן ילדים'ס ביי אונזערע מוסדות החנוך ווערען פערגרע-סערט און פערשענערט און וועלען שטעהן אונטער דער לייטונג פון פרעבעל-ספעציאַליסטען. די לייטונג.

בעמערקונג: אויפן פערלאַנג פון פיל עלטערן ווערט אין אונזער מוסד אויף אל. 1-טער מאַי 20 געעפענט א מכינת המתיבתא פאַר תלמידים פון יענעם ראַיאָן, וואָס האָבען געענדיגט די מחלקה ז'.

GIMNAZJUM MĘSKIE i SZKOŁA POWSZECHNA
I. Kacenelsona
ul. ZAWADZKA 43, tel. 151-79.

מיט אָנמעלדונגען פאַר נייע שילער, זיך צו ווענדען אין קאַנצעלאַריע טאָג-טעגליך פון 10—2 פאַרמיטאָג און פון 6—7 נאָכמיטאָג.

אין גן-ילדים (פרעבעל-שולע) ווערען אָנגענומען קינדער אין עלטער פון 4 יאָהר אָן. די דירעקציע.

7-io klasowa szkoła Koedukacyjna pryw. pow. i przedszkole
Kacenelsona Kilińskiego 120.
Kancelarja czynna codziennie od 10 do 1 i od 4 do 6.

בית-ספר בן שבע מחלקות וגן ילדים
של קצנלסון, קילינסקיעגא 120
הלשכה פתוחה בכל יום מ 10 עד 1 ומ 4 עד 6

בעקאַנטמאַכונג.
מיר מאַכען בעקאַנט דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג, אז נאָך א גרינדליכען רעמאָנט, איז ערעפענט געוואָרען
דער גרויסער ענגלישער זאל
אַלעע 1-טער מאַי 2 און איז צו פערדינגען אויף חתונות, בעלער, פערזאַמלונגען, חינוך א. ז. וו.

דער זאַל איז איינגעאָרדענט לויט די נייעסטע מאָדערנסטע טעכניק און מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען, ווי די נייעסטע געשירען טיש-בעשטעק. ווי אויך הערליכע בעלייכטונג און שעהנע דעקאָראַציעס. שטרענג כשר. בעמ.: ס'ווערט געדאַווענט ראש השנה, יו"כ מיט גוטע חזנים און אַ גוט איינגעשטודירט כאָר. מיט אַכטונג דער אינהאַבער.

5 זל. אַ טאָג | 5 זל. אַ טאָג
פענסיאָנאַט
„NICEA"
אין קאַלומנא
3 קראַקאָווסקא 3
נעהמט אָן געסט. טעגליך 6 מאָל שפייזען.
שטרענג כשר
שנעלע און סאָלידע בעדינונג.
ערשטקלאַסיגע קיך. אויך דיעטישע.
5 מאָרגעס סאָסנאָווע וואַלד.
אינפאָרמאַציעס אין לאָדז:
ביי ר' חיים ווערדינגער,
אנדראַדאַ 5, טעל. 215-24.
בעמערקונג: די געסט ווערען אָפּגעוואַרט ביי דער באַהן.

Dr. med.
M. GLAZER
ספעציאַליסט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
ZACHODNIA 64, tel. 185-49
נעהמט אָן פון 12—2 מיטאָג און פון 7 ביז 8.30 אָוונט.
זונטאָג און חגאות פון 10—12 בייטאָג.

אכטונג, רויהערס! (קראַצערס)
היינט, זונטאָג, 7 אַ זייגער אין אָוונט קומט פאַר אין לאָקאַל פון האַנד-ווערקער-פעראיין, ציגעל-גאַס 4
אַ פערזאַמלונג
פון אַלע קראַצערס, מיטגלידער און נישט מיטגלידער וועגן וויכטיגע פאַך-אינטערעסען.

אַלע דאַרפען פינקטליך קומען, ווייל ס'האַנדעלט זיך וועגען זייערע אייגענע אינטערעסען. ציטווייליגע קאָמיסיע

דער פאַמיליע הענדליש
צו דער האָכצייט פון זייער ליבער טאָכטער
פרל. בעלאַ הענדליש
מיט ה' הערש נאַד (זגיערזש)
ווינשט מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט
ציטונגס-קאַסע
אלי' בארנשטיין
קאָנסטאַנטינער 33.

אַ הערצליכען מזל - טוב ווינשען מיר דער
פאַמיליע ווייסוואַל
צו דער חתונה פון זייער ליבען זוהן. גלייכצייטיג ווינשען מיר דעם יונגען פּאָר אַ הערליכע און גליקליכע צוקונפט.
מ. רובינשטיין און פאַמיליע
ציטונגס-פערשפרייטער.

הנהלות
הגמנסיות
של החברה ליסוד בתי ספר עברים בלודז
(בזכויות ממשלתיות מלאות)

מודיעות בזה, כי הרשמת תלמידים ותלמידות למחלקות הגמנסיות ובתי הספר העממיים מתקבלת בשעות העבודה:

בלשכת הגמנסיה הראשונה לנערים
רחוב מגיסטרצקא 21, טלפון מספר 134-11

בלשכת הגמנסיה השניה לנערים
רחוב מגיסטרצקא 22, טלפון מספר 134-12

בלשכת הגמנסיה לנערות
רחוב פירמוביץ 6, טלפון מספר 127-95.

הבחינות מתחילות ביום ב', י"ב אלול ש. ז. (31.8.1936)
התחלת הלמודים ביום ה', ט"ו אלול ש. ז. (3.9.1936)

ההרשמות אל „גן הילדים" של החברה הנ"ל (שהעתק למעון חדש ברחוב וולצנסקא בית 35) מתקבלות בלשכת הגמנסיה לנערות ברחוב פירמוביץ 6.

בית ספר עברי מעורב
„יבנה"
של החברה ליסוד בתי ספר עממיים וגני ילדים עברים
פיוטרקובסקא 111 — אל. קושציושקי 48
טלפון 135-82.

די קאַנצעלאַריע פון דער שולע נעהמט אַן איינשרייבונגען אין אַלע קלאַסען, ווי אויך אין דער פרעבעל - שולע יעדען טאָג (א חוץ שבתים) פון 9—2 נאָכמיטאָג.

איז דער העוואָסמער שולע פון
ש. זשעלאַנקאַ
פילסודסקעגא 70 (ווסכאָדניא), פראָנט, 1 שטאָק
ווערען אנגענומען שילער פון 6 ביז 14 יאָהר.

אין דער שולע ווערט געלערנט אַלגעמיינע למודים לויטן רעגירונגס-פּראָגראַם, אַלע יודישע למודים אין גרויסן מאַסשטאַב. אַ גרויס געוויכט ווערט געלייגט אויף דער העברעאישער שפראַך, איז V און VI קלאַס ווערט געלערנט די ענג-לישע שפראַך. נאָכן ענדיגען די שולע ווערען די שילער אַנגענומען אין אַלע היגע גימנאַזיעס.

איינשרייבונגען טעגליך פון 10—2 און 3—8 אָוונט.

בית ספר לנערים בן שבע מחלקות
של א. פאַסטערנאַק שרודמיעסקא 19

די לייטונג פון דער 7-קלאַסיגער בעוואוסטער שולע פון א. פאַסטערנאַק, שרודמיעסקא 19 מאַכט בעקאַנט, אז די איינשרייבונגען אין אַלע 7 קלאַסען פון די עלטערע שילער, ווי אויך נייע שילער האָבען זיך שוין אנגעהויבען. די קאַנצעלאַריע איז טעטיג טעגליך פון 9—1 און פון 4—7 אָוונט. די לייטונג.

געדענקט, שטשעשליווי
ביי
א גרויסער אויסוואַהל פון
אָריגינעלע בילליגער און טאַמאַשאָווער סחורות
אויף אנציגער און פאַלטענס
פון די בעסטע קוואַליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען
מיט 30% בילליגער
סימס און איבערצייגט אייך
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 נאַוואָמיעסקא 5
טעל. 156-09.
געדענקט פראָנט II שטאָק.

סיורפּריז נאָך די פּערי...

אַ אָנגענומענע סיורפּריז האָבען ... ספק געהאַט די, וועמען עס האָט ... גליקט דעם 27-טען אויגוסט ה. י. ... דער נאָך פעריען-ציהונג פאַר די צעה... וועלכע האָבען נישט געוואונען אין ... פערטער קלאַס פון דער 35-טער ... לאָטעריע און וועמען עס איז נישט ... קענט געוואָרען קיין סטריע געווינס...

דאָס גרעסטע געווינס — 20 ... זל.—איז געפאַלען אויפ'ן נומער ...636 די איינצעגטימערס פון דעם לאָס ... לאָדזער איינוואוינער.

איגניכען, ווייל שוין דעם 9-טען ... טעמבער, הויבט זיך אָן די ציהונג ... דער פערטער קלאַס פון דער 36-... לאָטעריע. ווי עס איז בעקאַנט, איז ... הויפּט-געווינס פון דער קלאַס — אַ מיל... זל., און חוץ דעם זענען פאַרהאַן ... געווינסען צו 100.000 זל., 4 צו ...000 זל., 9 צו 50 000 זל. און פיל אַנד... עס איז אַלזאָ פאַרהאַן אַ געלעגנהייט ... צוריקגעווינען פאַר די אַלע פריהער... מיסערפאָלגען.

אויסניצען אַט די געלעגענהייט ... גישט נאָר די, וועלכע האָבען אַנטי... גומען אין דער שפיל פון די ערשטע ... קלאַסען. נאָר אויך די, וועלכע זענען ... וועןן פערגומען פיל מיט די וואַקאַ... און אורלאָפן, און האָבען פערגעסען ... די שאַנסען, וועלכע עס גיט זיי די ... לאָטעריע. זאָלען זיי יעצט געהן אין ... לעקטור און קויפען אַ לאָס, ווייל עס ... לייכט מעגליך זיין, אז די פאָרטונע ... גראָד צו זיי אַ שמייכל טון.

מען דאַרף אָבער נישט אָפּלייגען, ... עס איז שוין פערבליבען ווייניג צי...

לעבער
ווערען אויסגענומען בילוג
ביי ג. נאָרדמאַן
שרודמיעסקא 8

די בעוואוסטע ישיבה „תורת-חסד" קילינסקי... — 29
מאַכט בעקאַנט, אז מען נעמט שוין אן תלמידים צ... נייעם שול-יאהר.

ישיבה „תורת-חסד" צייכענט זיך אויס מיט איהר אי... ארגאַניגען סדר ודרך הלימוד, וועלכע האָט שוין מעמיד גע... טויזענטער תלמידים מופלגים בתורה וביראה. תלמידים ... רען אנגענומען פון נאָך דתח"ת גמרא אָן און ווי... אזוי עס ווערט געלייגט גרויס געוויכט אויף די למודי ה... נ"ך דיקדוק ומוסר. די למודי חול ווערען געלערנט ... פּראָגראַם פון פאָלקסשולען דורך די בעט... לעהרער-קרעפטען. איינשרייבונגען ווערען אנגע... אַ גאַנצען טאָג אין ישיבה קאַנצעלאַריע. ההנהלה

אכטונג!
די גוט בעקאַנטע ווילע פון בערנהיים
איז קאַלומנע
לובעלסקא 4 (נאָהענט ביי דער באַהן)
עמפעהלט צום ווינטער-סעזאָן ספעציעל איינגעאָרדענטע וואַרימע מעבלירטע וואוינונגען מיט עלעקטרישע בעלייכטונג.
אינפאָרמאַציעס אין לאָדז: האָטעל „מאַנאַפאַר" זאַוואַדזקא 7, טעל. 151-94. קאַלומנע, טעל 6...

אַ הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ג' מיטגליד ה' העניך שטאַרקמאַן צו דער חתונה פון זיין ליבע טאָכטער פרל. הינדע-ציפּע מיט ה' בינום טאָמאַצינסקי און דעם יונגען פּאָר אַ גליקליכע צוקונפט.
די פערוואַלטונג
פון ציטונגס-פערקויפער ביי פּועלי אגודת ישראל
פּיאָטרקאָווסקא 66.

אכטונג, הויז-בעזיצער!
ווען איהר רעמאָנטירט אייערע הייזער אָדער וואוינו... בעדענקט, אז דאָס אַלטע פאַרבען- און כעמיקאַליען-געשעפט א.ם.
„ל. ה. בערגער"
ראָדז, דרעוונאָווסקא 5, טעל. ...3-39
איז ווידער געעפענט און וועט די קונדשאַפט צופרי... שטעלען. בעמערקונג צעמענט אויף לאַגע...

איבערציהונגען ארץ-ישראל
און עקספעדיציעס נאָך
איז געזאַמעלטע וואַגאָנען ערלעדיגט
שנעל און פינקטליך צו מעסיגע פרייזען
„POLSKI LLOYD" Sp. Akc.
oddział w Łodzi
Narutowicza 13
tel. centrala: 250-15.
פערטרעטונג:
Palestine Shipping Co. Ltd.
Palestine and Egypt Lloyd Ltd.

טראצקי אינטערנירט אין נארוועגיען

נארוועגישע רעגירונג זוכט פאר טראצקין א „נארוועגיש סיביר"

אסלא, 29 (ספ. טעל.)

„דאגענבלאדעט" מעלדעט, אז אויף דער זיצונג פון מיניסטארען-ראט, אויף וועלכער עס האט געדארפט אנגענומען ווערען א בעשלוס וועגען טראצקי'ן, האט דער פרעמיער ניגאארס-וואלד ערקלערט: אויב טראצקי וויל נישט אונ-טערשרייבען די געפאדערטע פערפליכטונג מו-זען מיר פאר איהם געפינען „א נארוועגישען סיביר".

טראצקי — שרייבט די צייטונג — האט נישט אונטערגעשריבען די פערפליכטונג און איז איצט אינטערנירט אין א ווילע הינטער הענעפאס אונטערן שוץ פון א גרויסער פאליציי אפטיילונג. קיינער ווערט צו איהם נישט צוגע-לאזט. אויפן סיגנאל פון טעלעפאן טאר ער נישט ענטפערן, און זייע גאנצע פאסט ווערט צענזורירט. די מאכט האט ביז איצט נאך נישט אנגענומען קיין בעשלוס, וואו טראצקי'ן צו בע-זעצען. מאנטאג וועט אנגענומען ווערען א דע-ציזיע. „דאגענבלאדעט" פערזיכערט, אז די נארוועגישע רעגירונג איז ענטשלאסען אנצו-נעהמען די שארפסטע מיטלען, בכדי צו מאכען א סוף צו טראצקי'ס פאליטישע אינטריגעס, און גלייכצייטיג צו פערהיטען פון א אטענטאט אויף איהם. איין פראיעקט זעהט פאר צו בעזעצען איהם אין א הייזעל, וואס געפינט זיך אינוויי-ניג אין א מיליטער-לאגער. טראצקי'ס סעקרע-טארען וואלף און וואן-הייגארט האבען זיך אפ-געזאגט פרייוויליג צו פערלאזען נארוועגיען, צוליב וואס זיי זענען ארעסטירט געווארען און היינט אין אווענד וועלען זיי אונטער א פאליציי עסקארטע צוגעשטעלט ווערען צו דער גרעניץ.

נאטע פון ראטן-פערבאנד צו נארוועגיען

פאדערט צוצונעהמען דאס אזיל-רעכט ביי טראצקין

מאסקווא, 29 (ספ. טעל.)

„טאס" מעלדעט: דער סאוויעטישער פאר-שטעהער אין נארוועגיען יאקובאוויטש האט לויט א פעראָרדנונג פון דער רעגירונג פון רא-טען-פערבאנד איבערגעגעבען דעם נארוועגי-שען אויסערן - מיניסטער א ערקלערונג, אין וועלכען עס ווערט געזאגט: דעם 1טען דעצעמ-בער 1934 איז אין לענינגראד ערמארדעט גע-ווארען א מיטגליד פון צענטראל - קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי און מיטגליד פון פרעזידיום פון אוספיהר - קאמיטעט פון ראטען-פערבאנד, קיראוו. די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דער אטענטאט איז אויס-געפיהרט געווארען דורך א טעראריסטישע אר-גאניזאציע, וואס האט זיך געשטעלט דעם ציל אויסצופיהרען אטענטאטען אויף מיטגלידער פון דער סאוויעט - רעגירונג.

ווייטער ווערט אין דער ערקלערונג געזאגט, אז קיראוו'ס מערדער האט זיך מודה געווען. די צוגאב - אויספארשונג אין דעם פראצעס, וואס איז אדורכגעפיהרט געווארען צווישען דעם 19 און 23 אויגוסט 1936 אין מאסקווא האבען פעסט-געשטעלט, אז די אויבען דערמאנטע טעראָרים-טישע ארגאניזאציע איז געשאפען געווארען לויט דער איניציאטיווע פון טראצקי'ן, וואס גע-פינט זיך אין נארוועגיען. טראצקי'ן האט ער-טיילט אינסטרוקציעס זיינע שותפים אין ראטען פערבאנד צו ערמארדען סטאלינען און א גאנצע רייה סאוויעטישע פיהרער.

מעלדענדיג וועגען דעם דער נארוועגישער רעגירונג, דריקט די סאוויעט - רעגירונג אויס די מיינונג, אז דאס ווייטערדיגע בלייבען פון טראצקי'ן, דעם ארגאניזאטאר פון די טעראר-אקטען אין נארוועגיען, קען שאדען די פריינד-שאפטליכע בעציהונגען צווישען ראטען-פער-באנד און נארוועגיען.

צום סוף ווערט געזאגט אין דער ערקלערונג אז די סאוויעטישע רעגירונג האפט, דאס די נאר-וועגישע רעגירונג וועט צונעהמען ביי טראצקי'ן דאס אזיל-רעכט.

דער לייטער פון סאוויעטישער האנדעלס-פארשטעהערשאפט אין לאנדאן אזערסקי צוריקגערופען געווארען קיין מאסקווע

זיין פרוי און 2 קינדער אויף א געהיימנישפולען אופן פערשוואונדען

לאנדאן, 29 (ספ. טעל.)

די לאנדאנער פרעסע ברענגט א סענסאציא-נעלע מעלדונג, אז די נארוועגישע מאכט האט אינטערנירט טראצקי'ן און זיין פרוי און אז זיינע ביידע סעקרעטארען זענען ארויסגעשיקט געווארען און ווי אויך וועגען דעם, אז פון לאנ-דאן איז צוריקגערופען געווארען דער לייטער פון דער סאוויעטישער האנדעלס - דעלעגאציע אין לאנדאן אזערסקי.

„דיילי העראלד" ווייזט אן, אז אדערסקי איז צוריקגערופען געווארען באלד נאכדעם, ווי עס איז ארויסגערופען געווארען דער סאוויעטישער אמבאסאדאר אין לאנדאן מאיסקי, וועלכער האט צוזאמען מיט אדערסקי'ן ענטוויקעלט א אקטיווע טעטיגקייט איז דער ענגליש - סאוויע-טישער האנדעלס-קאמער. אין שייכות מיט אזערסקי'ס צוריקרופען שרייבט די „מארנינג פאסט" וועגען ארעסט פון דעם סאוויעטישען מיליטערישען אטאשע אין לאנדאן גענעראל פוטנא און בעטאנט, אז דער ארעסטירטער וועט באלד געשטעלט ווערען פאר א קריגס-געריכט.

„דיילי העראלד" שרייבט, אז דאס צו-ריקרופען אזערסקי'ן האט ארויסגערופען א פא-ניק אין דער סאוויעטישער קאלאניע אין לאנ-דאן. אין שייכות דערמיט ברענגט די צייטונג א סענסאציאנעלע ידיעה וועגען דעם געהיימנים-פולען פערשווינדען פון אזערסקי'ס פרוי און זיינע צוויי קינדער, און דריקט אויס די מיינונג, אז זיי זענען מיט געוואלד איוועקגעפיהרט גע-ווארען אויף א סאוויעטישער שיף. ווייטער מעלדעט די צייטונג, אז די „רייניגונג" אין רא-טען-פערבאנד האט ארומגענומען כמעט אלע סאוויעטישע פארשטעהערשאפטען און צענ-טערען אויף דער גאנצער וועלט.

טאג - טעגליך

די לעצטע צוגרייטונגען

א אומגעהויערע אגיטאציע געגען ראטען-פער-באנד האט זיך איצט צופלאקערט אויף די שפאל-טען פון דער דייטשער פרעסע. די דאזיגע אגיטאציע וואס האט געהאט דעם ציל צוצוגרייטען היטלערס נייעם שריט צו דער ווייטער דיגער מיליטאר-זירונג פון דייטשען פאלק ווערט נישט אויך איצט, נאכ-דעם ווי דער דאזיגער ציל איז שוין דערגרייכט געווארען און דאס מיליטער-דינסט איז פערלענ-גערט געווארען אויף צוויי יאהר, נישט שוואכער.

די אויסלענדישע פרעסע ווייזט אן אויף די סיבות פון דער געוואלדיגער אנטי-סאוויעטישער קאמ-פאניע וואס ווערט געפיהרט אין דייטשלאנד. עס האנדעלט זיך, נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי צוגרייטען פסיכאלאגיש דאס דייטשע פאלק צום נאהענטען מארש אויף ראטען פערבאנד. מען שרעקט דעם דייטשען בירגער אן מיט דער באל-שעוויקישער סכנה, וועלכע דראהט דערמיט שוין נישט פון רוסלאנד אליין נאר אויך פון פראנקרייך. ווי עס מעלדעט דער בערלינער קארעספאנדענט אין „מאטען" געפינט זיך די דייטשע בעפעלקערונג, אלס רעזולטאט פון דער לעצטער פרעסע קאמפאניע אונטערן פסיכאז פון איין געדאנק: דייטשלאנד איז בעדראהט פון צוויי זייטען פון באלשעוויזם, טשעכאסלאוואקיען, וואס שניידט זיך איין ווי א קליין אין דייטשען געביט, איז בעדעקט מיט א רייהע לופט-באזעס מיט וועלכע עס פיהרען אן רוסישע אפיצערען, מיט איין ווארט ראטען-דייטשלאנד קען נאר א פרעווענטיווי קריג געגען ראטען-פער-באנד. דערביי רעכענט מען אין דייטשלאנד, אז עס וועט געלונגען ענגלאנד, צוליב דעם באלשע-וויסטישען סטראשאק, אפצוציהען פון פראנקרייך און זי זאל בלייבען נייטראל.

אין ליכט פון די דאזיגע בעטראכטונגען ווערט פערשטענדליך סטאלינס לעצטע רעדע דורך ראדיא צו דער רויטער ארמעע, לען גיט זיך, שהם אויס אפ אין ראטען-פערבאנד א חשבון, או דער נאהעטסטער היטלעריסטישער מארש וועט זיין גע-ווענדעט נישט געגען מערב איירָאפא נאר דוקא אויף מזרח, און אז די פערלענגערונג פון מילי-טער-דינסט האט נישט דעם צוועק צוצוגרייטען די פערטיידיגונג פון דייטשלאנד, וועלכער קיינער בעדראהט נישט און וועלכע איז סיי ווי די שטארק-סטע מיליטערישע מאכט אין איירָאפא, נאר זי דינט אויסשליסליך צו אגרעסיווע צוועקען: צו אן אנפאל אויף ראטען פערבאנד, צו וועלכען היט-לער גרייט זיך מיט דער גאנצער ענערגיע.

אונזער ווארט

פאפירענער פראטעסט

און ווידער — שוין צום יויפילסטען מאל — איז פראקלאמירט געווארען א פראטעסט-טאג געגען דעם אראבישען טעראר און געגען דער ארץ-ישראל׳ער אדמיניסטראציע. און דער דאזיגער פרא-טעסט-טאג וואס איז שוין געווארען כמעט א שטענ-דיגע „אינסטיטוציע" אין דעם יודישען לעבען, איז ווי געוועהנליך, אראפ סיי אימפאזאנט און סיי ריהרענד. און ווידער זענען געשיקט געווארען פרא-טעסט-רעזאלוציעס צו דער מאנדאטאר-מאכט און צום קאלאניען-מיניסטעריום.

„די רעגירונג איז מיט אונז!" איז געווען די לאזונג פון אלע אראבישע אונרוהען ביז צום יאהר 1936. און ערשט אין דעם יאהר, — הגם דאס ענגלישע מיליטער פיהרט אין ארץ-ישראל א קאמף מיט די אראבישע טעראריסטען — האט זיך בולט ארויסגעוויזען, אז די דאזיגע לאזונג איז נישט געווען אויסגעזויגען פון פינגער. זי האט זיך פול שטענדיג בעשטעטיגט: די ארץ-ישראל-רעגירונג האט זיך גאנץ אונצווייידייטיג געשטעלט אויף דער זייט פון די אראבער.

צי קענען ביי אזעלכע בעדינגונגען העלפען נאר פאפירענע פראטעסט טעג. צי קען מען דורך זיי צווינגען די ענגלישע רעגירונג צו ענדערען איהר שטעלונג? גאנץ זיכער נישט. אבער אויך די אראבישע מעטאדען, ווען זיי זאלען קומען פון דער יודישער זייט, וואלטען אויך נישט דערפיהרט צום ציל. להיפוך, עס וואלט נאך אפשר פערערגערט די לאגע, ווייל אזעלכע מעטאדען קעגען ענגלאנד קאן נאר האבען א ווירקונג נאר ווען „די רעגי-רונג איז מיט אונז" ד. ה. ווען זי אליין פאטראנירט זיי, ווען זי אליין רופט זיי ארויס, ווי מיר זעהען עס איצט אין ארץ-ישראל.

בעת דער דיסקוסיע אויף דער איצטיגער סעסיע פון אקציאנס-קאמיטעט האבען אלע רעדנער אנגע-וויזען, אז דאס אפשטעלען די עליה אפילו אויף א קורצע צייט וואלט געווען א ווידערשפרוך און א פערלעצונג פון ארץ-ישראל מאנדאט. דאס פער-לעצען דורך ענגלאנד דעם מאנדאט וואלט אבער בע-דייט, אז יודען האבען געשטעלט אויף א פאלשע קארט!

מיר קענען אבער נישט צולאזען דעם געדאנק אז אין דער רייהע פון מלוכות, וואס ברעכען און פערלעצען אינטערנאציאנאלע אפמאכען און פער-פליכטונגען זאל צוקומען אויך דאס מעכטיגע ענג-לאנד.

פ.

די פראגע וועגען פערלענגערען דעם לאקאטארען-שוץ פאר האנדעלס-לאקאלען

וועט ערלעדיגט ווערען אויף א זיצונג פון מיניסטארען-ראט

ווארשא, 29 (טעלעפאניש)

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון עקאנאמישען קאמיטעט ביים מיניסטארען-ראט, איז צוו. א. אויך ארומגערעדט געווארן די פראגע וועגען פערלענגערן דעם לאקאטארען-שוץ פאר האנדעלס-לאקאלען, וועלכער לויפט ווי בעוואוסט אפ דעם 30. סעפ-טעמבער. אין עקאנאמישען קאמיטעט האבען זיך ארויסגעוויזען צוויי מיינונגען. די ערשטע, אז דאס געזעץ זאל נאוועליזירט ווערען אין דעם זין, דאס דער לאקאטארען-שוץ אויף די האנדעלס-לאקאלען זאל זיין גילטיג נאך דריי יאהר, אבער מיט'ן בעדינג, אז די הויז-בעזיצער זאלען האבען דאס רעכט יעדעס יאהר צו העכערען דאס דירה-געלט אויף 10 פראצענט.

די צווייטע מיינונג איז געווען, אז עס זא-לען אין געזעץ נישט געמאכט ווערען קיין שום ענדערונגען.

צוליב דעם, וואס עס איז נישט געקומען צו קיין הסכם וועט דער ענין ערלעדיגט ווערען אויף א זיצונג פון מיניסטארען-ראט.

מאניפעסט צום יודישען פאלק

וועט פערעפענטליכען דער אקציאנס-קאמיטעט

ציריך, 29 (יט"א טעלעגראפיש)

בן-גוריון איז היינט אפגעפאהרען קיין ארץ-ישראל.

שבת אין אווענד איז פארגעקומען א זיצונג פון דער פאליטישער קאמיסיע פון דער סעסיע פון אקציאנס-קאמיטעט. עס זענען אנגענומען געווארען א רייה בעשלוסען.

מארגען זונטאג וועלען אויפ'ן פלענום אפ-געשטימט ווערען די רעזאלוציעס און עס וועט אויך פערעפענטליכט ווערען א מאניפעסט צום יודישען פאלק. זונטאג אין אווענד וועט די סעסיע געשלאסען ווערען.

ווי מען שמועסט, וועט געשאפען ווערען א קלייגער אקציאנס-קאמיטעט מיט'ן זיץ-ארט אין ירושלים, וואס וועט צוזאמען מיט דער עקזעקו-טיווע אננעהמען בעשלוסען.

דער הויפט-מופטי סאבאטירט די בעמיהונגען פון נורי פאשא

לאנדאן, 29 (יט"א טעל.)

דער „טיימס" פערעפענטליכט א דעפעשע פון ירושלים אין וועלכען עס ווערט געזאגט, אז דער ירושלים'ער הויפט מופטי סאבאטירט די אונטער האנדלונגען, וואס עס פיהרט דער אויסערן-מי-ניסטער פון איראק, נורי פאשא מיט'ן ציל אפצושטע-לען דעם שטרייק און טעראר. לויט די אינפארמא-ציעס פון קארעספאנדענט פון טיימס בעמיהט זיך דער הויפט מופטי צוגישט צו מאכען די בעמיהונ-גען פון נורי פאשא פונקט אזוי ווי ער האט אויפגע-ריסען די אינטערווענץ פון אבדולא, ווי מען שמועסט ווייל דער הויפט-מופטי וועלכער איז א שארפער געגנער פון נאשישיבי ארויסבעקומען גרוסע קאנ-צעסיעס פון דער רעגירונג, אין געגענפאל וועט ער נישט דערלאזען צו א פערשטענדיגונג.

דער קארעספאנדענט פון „טיימס" זאגט אויך, די יודען נישט צו לאזען זיך פראוואצירען און נישט ארויסצוטרעטען פון זייער צוריקהאלטענדער שטעלונג ווייל דאס וואלט נאך מעהר פערשארפט די שטימונגען ביי די אראבער.

אינטערנאציאנאלע אקציע
צו מעלדען די אכזריות'ן איז שפאנישען בירגער-קריג

ל אָ נ ד אָ ן, 29 (ספ. טעל.)

רייטער מעלדעט פון הענדאיע; היינט נאָכ־מיטאָג זענען אנגעקומען קיין סען זשאן דעמלי פאָרשטעהער פון דער שפּאַנישער רעגירונג, פאָרשטעהער פון די אויפשטענדיגע, בכדי זיך צו בעקענען מיט די פאָרשלאַגען פון די דיפּלאָמאַטען וואָס האָבען דעם ציל צו מאַכען א סוף צו די אכזריות'ן. א ווייטערדיגע בעראַטונג וועגען דער פראַגע וועט פאָרקומען אין אַנהויב פון דער קומענדיגער וואָך. אין דער בעראַטונג האָבען זיך בעטייליגט בעדייטענדע אינטערנאציאָנאלע פראנצויזישע און ענגלישע יוריסטען. די אמבאסאדאָרען פון פראַנקרייך און ענגלאנד האָבען זיך אין דער בעראַטונג נישט בעטייליגט, זיי זענען אָבער געווען אינפאָרמירט וועגען גאַנג פון די אונטערהאַנדלונג. די אונטערהאַנדלונגען האָבען געפיהרט די פאָרשטעהער פון ארגענטינען, אורוגווײ, איטאַליען און דייטשלאַנד. דער פאַרשלאַג וואָס די דיפּלאָמאַטען האָבען געמאכט געהט אין דער ריכטונג צו שאַפען אן אינטערנאציאָנאַלען קאָמיטעט וואָס זאָל אויספאָרשען דעם אָפּ פון פערמיטלען צווישען די קעמפענדע צדדים. די ווײכטיגסטע פראַגע איז יעצט וועגען בעשטימט ווערען אלס פאַרזיצענדער פון קאָמיטעט.

מאַדריד, 29 (ספ. טעל.)

היינט ביינאכט זענען איבער מאַדריד געפלויגען עראָפּלאַנען פון די אויפשטענדיגע. איניגע שטאָט-טיילען זענען בעוואָרפען געוואָרען מיט באָמבעט. א סך פערזאָן זענען פערוואונדעט געוואָרען. א יעגער-עסקאַדרע איז ארויס צו פערהאַלטען די עראָפּלאַנען.

לאָנדאָן, 29 (ספ. טעל.)

רייטער מעלדעט פון מאַדריד: אין משך פון די לעצטע 48 שעה האָבען די עראָפּלאַנען פון די אויפשטענדיגע 4 מאָל אַטאַקירט מאַדריד. דער ציל פון די אַטאַקעס איז ווארשיינליך צו טעראָריזירען די ציווילע בעפעלקערונג. איין פערזאָן איז דערהרגעט געוואָרען און 15 פערוואונדעט.

ב אַ ר צ ע ל אָ נ אַ, 29 (ספ. טעל.)

קאַפּיטאַן באַיאָ, דער פיהרער פון רעגירונגס-מיליטער אויף דער אינזעל מאַיאָרקאַ, מעלדעט, אַז זיין מיליטער האָט פערנומען דעם באַרג קייט און ער בעהערשט דעם געגענד. די אויפשטענדיגע קעמפען פערצווייפעלט, זיי זענען אָבער געצוואונגען זיך צוריקצוציהען אין דער טיפעניש פון אינזעל. דאָס רעגירונגס-מיליטער האָט פערנומען צוויי האַרמאַטען.

לויט מעלדונגען פון באַרצעלאָנער צייטונגען האָט זיך דאָס רעגירונגס-מיליטער נעכטען געפינען צוויי קילאָמעטער פון דער שטאָט מאַנאַקאָר און 5 קילאָמעטער פון פּאַלמאַ. אויף דעם דאָזיגען אָפּשניט איז נישט בעמערקט געוואָרען קיין גרעסערע כחות פון די אויפשטענדיגע.

מ אַ ד ר י ד, 29. (ספ. טעל.)

רעגירונגס קאָמוניקאַט מעלדעט: לויט פולשטענדיג גלויבווירדיגע ידיעות האָט א אָפּטיילונג פון פרעמדען לעגיאָן דער אויפשטענדיגער „טערציאָ", זיך צובונטעוועט. איינגע אָפיצירען זענען דערשאָסען געוואָרען, די אָפּטיילונג איז אויפגעלעזט געוואָרען.

פ אַ ר י ז, 29. (ספ. טעל.)

„עקאָ דע פּאַרי" מעלדעט, אַז אין גאַנץ מאַראָקאָ נישט אויסשליסענדיג טאַנושער לאָזט זיך בעמערקען א שטאַרקער וואוקס פון די אַנטי-יודישע שטימונגען.

ווי די צייטונג מעלדעט, זאָל די שטימונג זיין ארויסגערופען הויפּטזעכליך צוליב דער צוזאַמענאַרבייט פון די מאַראָקאַנישע יודען מיט דער קאָמוניסטישער בעוועגונג.

פ אַ ר י ז, 29 (ספ. טעל.)

ווי עס מעלדען די היינטיגע צייטונגען, האָט דער אינערן-מיניסטער סאַלענגראַ ערטיילט די ערלויבניש איינצואָרדנען די פּראָיעקטירטע מאַניפעסטאַציע פאַר דער שפּאַנישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז. די מאַניפעסטאַציע וועט פאָרקומען דעם 14 סעפּטעמבער אין יאַהר-טאָג ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די דריטע פראַנצויזישע רעפּובליק.

ב ו ר ג אָ ס, 29. (ספ.)

זשיל ראָבלעס איז נעכטען אָנגעקומען פון פּאָרטוגאַל קיין בורגאָס. היינט פאָהרט ער אָפּ קיין סאַלאַמאַנקאַ. ענטפערענדיג אויף דער פראַגע צי ער שטעהט צו צו דער בעוועגונג פון די גענעראַלען פראַנקאָ און גאָלאַ, האָט זשיל ראָבלעס ערקלערט: „איך בין פאַר שפּאַניען, און שפּאַניען איז דאָ". זשיל ראָבלעס האָט אויך ערקלערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ זיך צו בעטייליגען אין דער פערמיטלונגס-אַקציע צווישען די קעמפענדע צדדים.

אראבער פערוואונדעט 3 יודישע ארבייטער פון נס ציונה

י ר ו ש ל י ם, 29 (יט"א טעלעגר.)

דער אראבישער טעראָר האָט היינט געפאָדערט ווייטערדיגע קרבנות. עס זענען פערוואונדעט געוואָרען די יודישע ארבייטער משה שעכטער, 23 יאָהר, מרדכי טאַקטיל — 21 יאָהר און משה מאַכטאַן — 17 יאָהר. די ארבייטער זענען פערוואונדעט געוואָרען בעת זיי זענען ארויס בעשיצען יודישע מיידלעך אין א מיידעל פאַרם נישט ווייט פון נס ציונה. די פערוואונדעטע זענען איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

נישט ווייט פון חולדה זענען היינט פערניכטעט געוואָרען 12 טויזענד אראנזשען-בוימער. 5 טויזענד בוימער זענען פערניכטעט געוואָרען דורך אראבער אין קי-הדר.

פרייטאָג אָוונד האָבען אראבישע טעראָריסטען איינגעאָרדענט איבערפאַלען אויף פּאָליציי און מיליטער אין יפו. עס זענען געוואָרפען געוואָרען באָמבעס און אָפּגעגעבען געוואָרען שאָסען. א סך אראבער זענען ארעסטירט געוואָרען.

די נאשישיבי פארטיי
טרעט ארויס געגען אראבישען אויבער ראט

י ר ו ש ל י ם, 29. (יט"א טעל.) דער בירגערמייסטער פון ירושלים דר. כאַלדי האָט היינט געמאכט א אויפנאַהמע לכבוד ד"ם אויסערן-מיניסטער פון איראַק נורי פּאַשאַ, בעת וועלכער עס זענען ווייטער געפיהרט געוואָרען די אונטערהאַנדלונגען בכדי צו דערפיהרען צו א קאָמפּראָמיס צווישען די אראבער און דער רעגירונג. די נאַשאַשיבי-אַנהענגער זענען ענטשלאָסען צו מאַכען א סוף צום שטרייק אפילו דער אראבישער אויבער-ראַט וועט דערויף נישט איינגעהען.

סעסיע פון אדמיניסטראטיוו-קאמיטעט

פון דער יודישער אגענץ וועט פארקומען נישט אין ציריך נאָר אין לאָנדאָן

ל אָ נ ד אָ ן, (יט"א טעל.) ווי יט"א דערוויסט זיך, זאָל די סעסיע פון אדמיניסטראַטיוו-קאָמיטעט פון דער יודישער אגענץ, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען נאָך דער סעסיע פון ציונ. א. ק. אין ציריך, פאָרקומען נישט אין ציריך, נאָר אין לאָנדאָן.

קאטאסטראפע מיט' אויטא פון גענ. פרעמ. קאשטשאלקאווסקי

יו א ר ש א, 29. (טעל.) הינטער וואַרשא ביי נאַדאַרטשין, איז היינט פאָרגעקומען א קאַטאַסטראָפע מיט'ן אויטאָ פון געוועזענעם פּרעמיער און איצטיגען מיניסטער פון סאָציאַלע שוץ זינדראַם-קאָשטשאַלקאָווסקי, דער שאָפער פון אויטאָ אין וועלכען עס איז געפאָהרען דער מיניסטער האָט געוואָלט אויסמיידען א טירעל פון א פורטקע וואָס איז געלעגען אויפ'ן שאָסע, דער אויטאָ האָט זיך אומגעקעהרט און איז אריינגעפאַלען אין א גרוב. עס זענען אָנגעלאָפען פויערים וועלכע האָבען ארויסגעצויגען דעם אויטאָ. צום גליק האָט נישט דעם מיניסטער און נישט דעם שאָפער גאָרנישט געשאַדט.

גענעראל רידז-שמיגל'ס רייזע קיין פאריז

וו י ע ן, 29. (ספ.) היינט אינדערפריה איז אנגעקומען קיין ווין גענעראַל רידז שמיגלי. ארום 8 א זייגער אין אָוונט האָט גענעראַל רידז שמיגלי אויפגענומען אין סאַלאָן וואַגאָן דעם פּוילישען פאָרשטעהער אין ווין גאַווראָנסקי און וועמענס געזעלשאַפט ער איז שפּעטער אָפּגעפאָהרען אין א אויטאָ צו בעזוכען די שטאָט.

די עסטרייכישע פּרעסע פערעפענטליכט די ידיעה וועגען דער דורכרייזע פון גענעראַל רידז שמיגלי מיט קורצע קאָמענטאַרען. „ווינער צייטונג" ברענגט א רייה ביאָגראַפישע פּרטים וועגען דעם פערזאָן פון גענעראַל רידז שמיגלי און שטרייכט אונטער זיין גרויסען אויטאָריטעט אין פּוילען.

פינאנץ-מיניסטער ביים מלוכה-פרעזידענט

וו אַ ר ש א, 29 (ספ. טעל.)

דער מלוכה-פּרעזידענט האָט היינט אויפגענומען דעם פינאַנץ-מיניסטער קוויאַטקאָווסקי.

געפ"ינט אנ'אטענטאט אויף פרעזידענט רוזוועלט

וו אַ ש י נ ג ט אָ ן, 29 (ספ. טעל.)

אויף דער באַהן-סטאַציע אַבערדין האָט מען ארעסטירט א משוגעתם, וואָס איז געקומען פון דעם שטעטעל הקלא, בכדי אויסצופיהרען אן אַטענטאַט אויפ'ן פּרעזידענט רוזוועלט.

ריקאוו, ראדעק און בוכארין אונטער א וואך

פ אַ ר י ז, 29 (ספ. טעל.)

האַוואַס מעלדעט פון מאָסקווע וועגען ווייטערדיגע ארעסטען אין דער ארמיי ווי אויך אין דער פּאַרטיי צוליב די רעוואָלוציעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען בעת דעם פּראָצעס פון זינאָוויעוו און חברים.

לויט אינפאָרמאַציעס פון גוטע קוועלען, געפינען זיך דער פּאָלקס-קאָמיסאַר פאַר באַנט ריקאָוו, ראַדעק. ווי אויך דער שעף-רעדאַקטאָר פון „איזוועסטיא" בוכארין אונטער א וואַך אין זייערע וואוינונגען.

עס זאָל אויך זיין ארעסטירט געוואָרען דער גענעראַל שאַפּאָשניקאָוו, געוו. דירעקטאָר פון דער הקכערער מיליטערישער שולע. די מאַסע ארעסטען האָבען ארויסגערופען א פּאַניק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

היילע סעלאסיע פאהרט צוריק קיין אביסיניען

ל אָ נ ד אָ ן, 29 (ספ. טעל.)

„דיילי העראַלד" מעלדעט, אַז היילע סעלאַסיע האָט בדעה איניכען צוריקצוקעהרען קיין אביסיניען. ווי די צייטונג שרייבט וועט דער קייזער אוועק קיין גאָרע, וואָס וועט זיין די צייטווייליגע הויפּט-שטאָט און וועט זיך פּרובירען ווענדען צו דער פעלקער-ליגע, אַז מערב אביסיניען וואָס האָט א בעפעלקערונג פון 2 מיליאָן איי וואוינער זאָל ארונטערגענומען ווערען אונטער דעם מאַנדאַט פון ענגלאַנד. שוועדען אָדער שווייצאַריען.

Dr. med.
HALTRECHT
ספּעציעל-ארצט פאַר הויט-, געשלעכטס קראַנקהייטען און מענער-שוועכע
האָט זיך איבערגעצויגען און נעמט אָן
פּיעטריקאַווער 161 טעל. 245-21
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצאַ-פּרייזען
פון 11 פריה ביז 3 בייטאָג און פון 7 ביז 9 אָוונט
זונטאָג פון 8—1 בייטאָג.
פאַר פרויען א באַזונדער וואַרטע-זאַל

Dr. med. Trepman
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפילים און הויט-קראַנקהייטען,
בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע.
זי וואַדזקאַ 6, טעל. 234-12
נעמט אָן פון 8—11 נאָכמ. און פון 6—8 אָוונד

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15 טעל. 149-07
ספּעציעל-ארצט פאַר מענער - שוועכע-בע הנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונד.
זונטאָג פון 9—1 פאַרמיטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייזען

Dr. Zalcwasser
כירורג
CEGIELNIANA 19, tel. 125-27
צוריקגעקעהרט
נעמט אָן פון 1—2 מיטאָג און פון 4—6.30 אָוונט

DR.
MICHAŁ URBACH
נערוועזע און אינערליכע קראַנקהייטען און פיזיקאַלישע טעראַפּיע
נעמט אָן פון 1—2 און פון 5—7 נאָכמ.
Zawadzka 15 m. 6 tel. 148-83

Dr. med
J. Nadel
ספּעציאַליסט פון אקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
אַנדזשעיאַ 4, טעל. 128-92
נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7

Dr. Med.
M. RABINOWICZ-GINSBERGOWA
11 LISTOPADA 47,
tel. 157-07
Powróciła
przyjmuje od 6 do 8 wiecz.

Dr. J. BETTE
פערלייזט

Dr. I. ZYW
כירורג
צוריקגעקעהרט
11-go LISTOPADA 17,
Telefon 123-41
נעמט אָן פון 1—2 און פון 5—7 אָוונד

Dr. med.
Markowiczowa
הויט און וועגערישע קראַנקהייטען
MONIUSZKI 2, tel. 166-35
צוריקגעקעהרט
נעמט אָן פון 8—1 און פון 3—8 אָוונד

Dr. med. J. Schlosser
כירורג
ul. CEGIELNIANA 30
tel. 122-16
צוריקגעקעהרט
נעמט אָן פון 4—7 אָוונד.

Dr. L. Suchowczycki
כירורג
GDANSKA 11, tel. 123-47
(רוג 11-טער ליסטאָפּאַד)
צוריקגעקעהרט
און נעהמט אָן פון 4 - 6 נאָכמיטאָג.

Dr. med.
A. Banasz
כירורג · אוראָלאָג
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
Piotrkowska 121, tel. 139-88
נעהמט אָן פון 4—6 נאָכמיטאָג.

לעטשניצע
פיר וועגב עדישע קראַנקע
מענער · שוועכע און הויט-קראַנקהייטען
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
פּיעטריקאָווער 45
טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אָוונד.
פרויען און קינדער נעמט אָן א פרויען-דאָקטאָר פון 11-1 און פון 5-7 אָוונד.
א בעראַטונג 3 זל.

Lek. Dentysta
St. Gelberg
Zawadzka 14, tel. 108-33
צוריקגעקעהרט.

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פאַר לונגען, האַרץ און סקלעראָז קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02
נעמט אָן פון 9-10 פריה. 3-5. 8-9 אָוו.

DR. MED.
L. Pikielny
אוראָלאָג-כירורג
ספּעציאַליסט פאַר נירען, בלאָזען און אורין-קראַנקהייטען
NAWROT 8, tel. 219-90
נעהמט אָן פון 4—7 נאָכמיטאָג
צוריקגעקעהרט,

Dr. med. P. Braun
צוריקגעקעהרט.
ספּעצ. פאַר טריפּער, סיפילים און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע.
צעגעלניאַנע 4, טעל. 100-57
נעהמט אָן פון 8 - 2 מיטאָג און פון 4—9 אָוו.
באַזונדער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. H. Wajs
כירורג
Piotrkowska 17, tel. 148-01
צוריקגעקעהרט
נעמט אָן 1,30—3 נ"מ און פון 5—6 אָוו.

אויערען, נאָז און האַלז און לונגען-קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67 טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיג קראַנקע (צוועקס אָפּעראַציע א. אז. וו. ווי אויך אַמבולאַטאָרישעס פון 9-2 און פון 4-8 אָוונט
ביי דער קליניק איז טעטיג
א רענטגען-גאַבינעט
פאַר דורכלייכטונגען און עלעקטראָקאַרדיאָגראַפיע

דער קאַמף אין אביסיניען קומט ווייטער פאָר
ער האָט נאָר אָנגענומען אַנדערע פאָרמען

דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון דער „ק. פ.“ שילדערט די לאַגע אין אביסיניען נאָכדעם ווי די איטאַליענער האָבען כמעט ווי אָהן קאַמף פאַרנומען אדיס אבעבא.

ווען דער קייזער היילע סעלאַסיע — שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט — האָט אין אָנהויב מאי צוזאַמען מיט זיין גאַנצע פאַמיליע פערלאָזען אביסיניע, איבערלאָזענדיג די גאַנצע אַרמעע אָן א גאָטס באַראָט, און ווען אדיס אבעבא איז פערנומען געוואָרען דורך די איטאַליענער — איז געוואָרען קלאָר פאַר יעדען אייראָפּעער אַז דאָס איז דער סוף פון אביסיניען.

— אזוי טראַכט דאָך יעדער אייראָפּעער — עס איז ווייניג וואַהרשיינליך, אַז א הערשער זאָל פערלאָזען זיין מלוכה אין א שווערען מאָמענט, ווען עס איז נאָך פאַראַן איין פונק האָפענונג, אַז די לאַגע זאָל זיך אויסבעסערען.

דעריבער האָט אייראָפּא אין מאי אנערקענט די עראָבערונג פון אביסיניע פאַר א געשעהענעם פאַקט, ענגלאַנד האָט באַלד אַרויסגעצויגען איהר גרויסען פלאָט פון מיטעלענדישען ים, די פעלקער־ליגע האָט שטילשווייגענד בעהאַלטען דאָס קעפּעל אונטערן פליגעל, מאַכענדיג דעם אָנשטעל, אַז זי ווייסט גאָרנישט וועגען דער עראָבערונג. עס זענען געקומען די אָלימפּישע שפּילען, עס איז געקומען דער בירגער קריג אין שפּאַניען און אייראָפּא האָט אויף אַן אמת פערגעסען אין אביסיניען, ווייל זי האָט געוואָלט פערגעסען.

דערווייל — אין הסכם איבעריגענס מיט די פאַראויסזעהונגען פון די אַלע וואָס קענען אביסיניען — האָבען זיך די קאַמפען דאָרט נישט אָפּגעשטעלט, נאָר זיי האָבען געענדערט דעם כאַראַקטער. די מלחמה צווישען צוויי מלוכות, צוויי אַרמעען, האָט זיך פערוואַנדעלט אין א קלאַסישען פּאַרטיזאַנער קריג. ידיעות וועגען קאַמפען קומען אָן פון אַלע זייטען. אַפּילו די איטאַליענער מעלדען אָפט, אַז דאָ איז אויסגעהרגעט געוואָרען די מאַנשאַפט פון צוויי אָדער דריי אעראָפּלאַנען, דאָרט איז נאָך פערביסענע קאַמפען, וואָס האָבען געדויערט צוויי טעג, איבערגעריסען געוואָרען די אייזענבאַהן־ליניע, אויף א אַנדער אָרט ווידער זענען עטליכע לאַסט־אויטאָס אַריינגעפאַלען צו די אביסיניער, נאָך דעם ווי עס זענען פריהער ביז צום איינעם אויסגעשחט'ן געוואָרען די מיליטערישע עסקאַדרע. דעם 26 ביז 29 יולי האָט מען אַפּילו געקעמפט אין דער סביבה פון אדיס־אבעבא.

אַנדערע קוועלען ברייטערען אויס און דערגענצען נאָך די איטאַליענישע ידיעות. האַוואַס האָט לעצטענס געמעלדעט וועגען שווערע קאַמפען אין דעמבעטשאַ. ביי דער אָזערע טסאַנאַ וווּ עס פיהרט אָן מיט די אביסיניער דער געוועזענער אביסינישער דעלעגאַט אין דער פעלקער־ליגע טעקלא העוואַריאַט היגמער מאַדזשאַ, אויף דער באַהן־ליניע ביז אדיס־אבעבא און אונטער דעסיע, דעם וויכטיגסטען אַדמיניסטראַציע פון דער איטאַליענישער אַרמעע. לויט האַוואַס ווערט אדיס אבעבא כסדר געהאַלטען דורך די אביסיניער אין א לויזער בעלאַגערונג. אביסינישע אָפּטיילונגען קומען אַפּילו צו ביז אין דער שטאָט, זיי ווערען אָבער פערשטעהט זיך באַלד פאַרטריבען דורך דעם שטאַרקען איטאַליענישען גאַרניזאָן. הינטער דעסיע איז אַריינגעפאַלען צו די אביסיניער 60 לאַסט אויטאָס בעלאַדענט מיט קריגס־מאַטעריאַל און לעבענס־מיטעל פּראָדוקטען.

דאָס וועגען ידיעות פון אָפיציעלע איטאַליענישע און פראַנצויזישע קוועלען, אַנדערע קוועלען ווי רייטער, געהען נאָך ווייטער; די קאַאירער צייטונגען האָבען גאַנצע געניגע ידיעות פון אביסיניען פון די פערשידענע כסדר וואַנדערנדיגע ברודער־מאַכמאַדאַנער.

דער דאָזיגער צושטאַנד נעהמט זיך דערפון, וואָס לויט דער לאָגיק פון די שוואַרצע פיהרט א מלחמה נישט קיין מלוכה, נאָר דער קריגער, אויב ער האָט נאָר א ביקס אין האַנד. אין אייראָפּא קעמפט מען פאַר גרויסע צילען — נאַציאָנאַל, פּאָליטיש, ווירטשאַפטליכע. די שוואַרצע קעמפען נאָר בכדי צו קעמפען, צוליב רויב, פאַר דער די עקסטער עראָבערונג. נישט קלערענדיג וועגען דעם, וואָס עס קען דערפון אַרויסקומען, פאַר די שוואַרצע איז מלחמה א נאָרמאַלער צושטאַנד, וואָס ווערט נאָר פון צייט צו צייט איבערגעריסן דורך דעם נישט נאָרמאַלן צושטאַנד פון שלום.

עפּעס א גראַזימאַטש, וועלכער אטאַקירט אין דער שפּיץ פון טויזנט מאַן אַן'איטאַליענישע אַמוניציע קאָלומנע האָט בשעת מעשה נישט דעם ציל צו זיגען איבער איטאַליען און נישט די בעפרייאונג פון אביסיניען, ער ווייסט נאָר, אַז די לאַסט אויטאָס פיהרען קוילען און ביקסען צו וועלכע ער שטרעבט מיט זיין גאַנצער נשמה, און ער ווייסט אויך, אַז די עסקאַרטע איז בעדייטענד שוואַכער ווי זיין אָפּטייל. דער אינסטינקט פון שוואַרצען קריגער הייסט איהם קעמפען מיט דעם ווייסען, אין וועלכען ער פיהלט א אונטערדריקער, איבעראַל וואו עס זענען נאָר פאַראַן שאַנסען אויף נצחון.

אין אביסיניען איז אַלץ גינסטיג פאַר אַזא פּאַרטיזאַנישען קאַמף: די ריזיגע שטרעמען, הויכע בערג, געדיכטע וועלדער אין וועלכע אַפּילו גרעסערע אָפּטיילונגען קענען פערשווינדען ווערען, אז ער זאָל זיי איינגאַנצען נישט אָנזעהען. די פולשטענדיגע פּאַציפיצירונג פון גרויסען לאַנד וועט די איטאַליענער נישט דערגרייכען נישט מיט דראָהונגען און נישט מיט בקשות, נישט דורך אָפּמאַכען מיט די ראַסען און נישט דורך געווינענע שלאַכטען.

די פּאַציפיקאַציע פון אביסיניען וועט קומען ערשט דאַן ווען עס וועט די איטאַליענער געלונגען צו ענדערען פון גרונט־אויס די אביסינישע מענטאַליטעט, ווען דער אַמהאַדישער קריגער און פּאַסטוך וועט אויפהערען צו פערעהרען די מלחמה, ווען ער וועט זיך פערוואַנדלען אין א סוחר, אינדוסטריעלער, אינטעליגענט. און דערויף איז נויטיג זעהר א סך צייט.

—*X*—

ווער איז ריבענטראָפּ?
היטלערס אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד האָט יודישע קרובים

דאָס וואָס אַדאָלף היטלער האָט בעשטימט זיין „פּערזענליכען פערטרעטער“ און בוזים־פריינד, דעם נאַצי יאָאַכים פאָן ריבענטראָפּ, אַלס דייטשען אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד, איז געווען א שטיקעל סענסאַציע אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזען, און עס איז אויסגעטייטשט געוואָרען אויף פערשידענע וועגען. איין וויכטיגע בעדייטונג ווערט צוגעשריבען צו דעם, און דאָס איז וועגען דער מעגליכקייט פון א נייע ווענדונג אין בעצוג צו דער יודען־פראַגע.

וואָרים פאָן ריבענטראָפּ האָט א יודישען שוואָגער, און ביז וואַנען די נאַצים זענען אַריין אין קראַפט איז ער געווען א גאַנצער שמעלקע מיט יודישע באַנקירען און קאַפּיטאַליסטען אין דייטשלאַנד.

פאָן ריבענטראָפּ'ס שוואָגער איז דער דייטשער יודישער באַנקיר מאַקס דויטש, א דירעקטאָר אין דער נאַציאָנאַל־באַנק פן דרעזדען. ביידע האָבען געהייראַט טעכטער פון דעם דייטשען שאַמפּאַניער - פאַבריקאַנט הענקעל.

אַלס שוואָגער פון דעם יודישען באַנקיר האָט פאָן ריבענטראָפּ אָפט געטראָפען זיך און אָנגעהאַלטען א פריינטשאַפט מיט פילע פון די דייטשע פאַמיליעס, ווי די גוטמאַנ'ס, די שוואַבאַכס, די מענדעלסאָנס און אַנדערע, וועלכע האָבען געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין בערלין.

די פראַגע איז: — וואָס פאַר א בעדייטונג האָט ריבענטראָפּ'ס נייע שטעלע אין דער יודען־פראַגע? קען דאָס אויסגעטייטשט ווערען אַלס א סימן אַז מ'קען ערוואַרטען ענדערונגען אין היטלער'ס דייטשלאַנד, אָדער נישט?

עס זענען פאַראַן צוויי פאַרקעהרטע מיינונגען וועגען דעם. איין מיינונג איז, אַז פאָן ריבענטראָפּ אין דער ראָלע פון אַן'אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן וועט איינפיהרען נייע דיפּלאָמאַטישע ווענדונגען און פערהאַנדלונגען, וואָס זיילען ענדערן די גאַנצע וועלט־פּאָליטיק פון דייטשלאַנד, און במילא אויך אָפּשוואַכען ביסלעכווייז דעם העסליכען און שמוציגען אַנטיסעמיטיזם פון די נאַצים.

א צווייטע מיינונג איז, אַז דאָס, וואָס פאָן ריבענטראָפּ איז געוואָרען דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן מיינט, אַז די פערבינדונג פון די נאַצים מיט דער ענגלישער רעגירונג וועט ווערען שטאַרקער און ענגער פערקניפּט און עס וועט האָבען א ווירקונג אויך אויף אַנדערע לענדער, וועלכע האַלטען זיך פון דערווייטענס פון דייטשלאַנד, מיט אינצוטרויען און עקיל, צוליב דעם ברוטאַלען און העסליכען אַנטיסעמיטיזם וואָס די נאַצים פערשפּרייטען.

אין דייטשע פּאָליטישע קרייזען ווייסט מען נישט ווי די זאַך אויסצוטייטשען. מען ווייסט נאָר, אַז אין די קרייזען פון די פערביסענע נאַצים אין בערלין האָט מען געקעמפט געגען ריבענטראָפּ'ן. אָבער דאָס איז שוין אַן'אַלטע זאַך. אין היטלערס ענגען קלייזעל פון שמשים און פערביסענע נאַצישע ראַסען־האַסער געווען שטאַרק אַן א קאַמף געגען פאָן ריבענטראָפּס איינפלוס אויף היטלערן, נאָר היטלער האָט איהם א סך צו פערדאַנקען, און ער האַלט איהם נאָהענט און טייער טראָצדעם, וואָס פאָן ריבענטראָפּ האָט א יודישען שוואָגער.

פאָן ריבענטראָפּ'ס ראָלע אין דער נאַצי־מאַשינאַציע ביז איצט איז געווען אַלס אַלגעמיינער דיפּלאָמאַטישער פערטרעטער אין אויסלאַנד. ער איז געווען אַזוי וויכטיג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון בערלין ווי דער אויסערן מיניסטער פון דייטשלאַנד. ער האָט געמאַכט אָפטע רייזעס פון בערלין קיין לאָנדאָן, און אין פילע פון די פערהאַנדלונגען מיט אַנדערע לענדער האָט ער געשפּילט א וויכטיגע ראָלע ווי דער אָפיציעלער אויסערן־מיניסטער פון דייטשלאַנד, דער באַראָן קאָנסטאַנטין פאָן נויראַט.

די „ביוראָ ריבענטראָפּ“ אין בערלין איז שוין לאַנג פעררעכענט אַלס די וויכטיגסטע דיפּלאָמאַטישע מאַכט אין היטלער'ס מלוכה. דיפּלאָמאַטען אין ענגלאַנד און אין אַמעריקאַ זענען געניגט צו האָבען די מיינונג, אַז פאָן ריבענטראָפּ האָט נאָר אָנגענומען א קלענערן פּאָסטען, איצט ווען ער איז געוואָרען דער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד, און אַז ער האָט מן הסתם עס געמוזט נעמען און וועט אויפן פּאָסטען לאַנג נישט שטעהן, ווייל ער וויל בעסער זיין אין בערלין און שטעהן נאָהענט צו דער נאַצישער מאַשין אַרום היטלערן, וואו זיין פּערזענליכע מאַכט איז ריזיג.

אין ענגלאַנד האָבען די ליבעראַלע קרייזען תמיד בעטראַכט פאָן ריבענטראָפּ'ן אַלס א סימבאָל פון די פינסטערע כחות און דיפּלאָמאַטישע מאַכינאַציעס אין וועלט־פּאָליטיק, און עס ווערט בעריכטעט, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט איהם נישט געוואָלט אַלס אַמבאַסאַדאָר, נאָר געמוזט זיין איידעל און העפליך און נישט אויסזעצען געגען איהם ווען היטלער האָט בעשלאָסען אים צו בעשטימען. דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן איז געשטאָרבען דעם 10־טען אַפּריל און דער פּאָסטען איז געווען ליידיג די גאַנצע צייט, ווייל ענגלאַנד האָט זיך אַלץ געבריקעלט און נישט געוואָלט ריבענטראָפּ'ן אַלס אַמבאַסאַדאָר.

אַלס אונאָפיציעלער דייטשער דיפּלאָמאַט, וועלכער איז געקומען אָפט קיין לאָנדאָן האָט ריבענטראָפּ זיכער געמוזט האָבען צו טון מיט די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די נאַצים האָבען פערשפּרייט פון לאָנדאָן צו אַלע ענגליש שפּרעכענדע לענדער איבער דער גאַנצער וועלט.

פאָן ריבענטראָפּ'ס יונקערישער יחוס אין דייטשלאַנד איז נישט קיין אַלטער און נישט פון די וויכטיגסטע. ער שטאַמט פון א פאַמיליע וואָס האָט ערשט אין דעם לעצטען דור איינגעקויפט זיך אין יחוס און געביטען דעם נאָמען אויף א מעהר - קלינגענדיגען ווי פריהער.

פאָן ריבענטראָפּ'ס אמת'ער פאַמיליען־נאָמען איז מייער. די פאַמיליע איז אָבער רייך געוואָרען מיט א יאָהר הונדערט צוריק און זיי האָבען אָפּגעקויפט די מאַיאָנטקעס פון דער פעראָרימטער פּרייסישער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע ריבענטראָפּ. מיט א שטיקעל צייט שפּעטער האָבען זיי געקריגען די ערלויבניש צו בייטען זייער איינפאַכען דייטשען נאָמען מייער און רופען זיך ריבענטראָפּ.

די ריבענטראָפּ'ס — די אַמאָליגע מייערס — זענען געבליבען שאַרפע האַרטע געשעפטסלייט. יאָאַכים פאָן ריבענטראָפּ דער איצטיגער וויכטיגסטער נאַצי - דיפּלאָמאַט אין אייראָפּא האָט גאַנץ יונג גענומען זיך צו געשעפט, און אַרויסגעוויזען זיך אַלס זעהר פּראַקטישער, קאַלטבלוטיגער געשעפטסמאַן.

ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אין קאַנאַדע, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז ער געפאָהרען אַהיים און געדינט אַלס הוזאַר. נאָך דער מלחמה האָט ער געקראָגען א פּאָסטען אַלס שאַמפּאַניער - אַגענט. ער איז א ביטערער און א קאַלטבלוטיגער געשעפטס - מאַן און ער האָט אַלס שנאַפּס - אַגענט אויסגענוצט זיינע פערבינדונגען מיט אַריסטאָקראַטען אין פּרייסען, נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגענהייט. דער דייטשער שאַמפּאַניער - קעניג הענקעל האָט איהם בעמערקט און אָנגעשטעלט. יאָאַכים איז באַלד געוואָרען הענקעל'ס שותף אין געשעפט און געהייראַט מיט הענקעל'ס טאָכטער.

דער שידוך איז געווען פאַר יאָאַכים ריבענטראָפּ מעהר ווי א שידוך מיט זיין בעלעבאָס־טאָכטער. מיט דעם איז ער אַריין אויך אין דער משפּחה פון דעם דייטשען יודישען באַנקיר מאַקס דויטש, וועלכער איז געוואָרען זיין שוואָגער. דאָס, פערגעסט נישט, איז געווען איידער די נאַצים זענען געקומען צו דער מאַכט...

אַלס הענקעל'ס איידים האָט פאָן ריבענטראָפּ זיך אָפט געטראָפען אין הענקעלס גוט מיט פיל פון די וויכטיגסטע דייטשע יודישע פאַמיליעס, באַנקירען, אינדוסטריאַליסטען און אַנדערע וועלכע זענען געווען פּערזענליך בעפריינדעט מיט די הענקעלס, אָדער פערבונדען אין געשעפט. הענקעלס יודישער איידים מאַקס דויטש, אַלס איינער פון די וויכטיגסטע באַנקירען אין לאַנד, איז געווען אין יענע צייטען דער זייל פון דער פאַמיליע, אין וועלכער פאָן ריבענטראָפּ איז א. ריינגענומען געוואָרען אַלס איידעם.

מען וואָלט געקענט מיינען, פון יאָאַכים ריבענטראָפּס פּערזענליכע פערבינדונגען מיט יודישע באַנקירען אַז עס איז נישט געלעגען אין זיינע אינטערעסען צו ווערען א נאַצי, אָבער ער האָט אין 1928 זיך פערבונדען מיט היטלערן און איהם אָנגעהויבען צו דינען. זיין ערשטע גרויסע זאַך פאַר היטלערן האָט ער דורכגעפיהרט ווען ער האָט צוזאַמענגעבראַכט היטלערן מיט דעם דייטשען קאַנצלער פאָן פּאַפּען אין הויז פון דעם פינאַנציסט שרעדער אין קעלן, דאָס איז געווען א היסטאָרישע געשעהעניש, וואָס האָט געפיהרט היטלערן צו פערכאַפּען די מאַכט איבער דייטשלאַנד.

ווי געזאָגט שוין, אין היטלערס קרייז מורמעלט מען און מען איז אונצופרידען מיט יאָאַכים פאָן ריבענטראָפּ צוליב זיין יודישען שוואָגער און זיינע יודישע פריינד, אָבער היטלער בלייבט איהם טריי און ער איז היטלערן זעהר נוצבאַר. ער ווערט פעררעכענט איבער גאַנץ אייראָפּע אַלס היטלערס וויכטיגסטער דיפּלאָמאַט, און היטלער טרויט איהם אָן מיט די שווערסטע דיפּלאָמאַטישע פּראָבלעמען, איצט ווי עס שיינט האָט איהם היטלער געשיקט אַלס אָפּיציעלען פערטרעטער אין לאָנדאָן מיטן צוועק צו שאַפען פריינדליכערע דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען אין ענגלאַנד.

אָבער די פראַגע, איז, ווי שטענדיג, איין זאַך: — וועט דאָס זיין בעסער פאַר יודען, אָדער ערגער? וועט מען מעהר שלאָגען יודען, אָדער ווייניגער? וועט א נאַצישע פריינדשאַפט מיט ענגלאַנד צווינגען די נאַצים צו זיין מענשליכער ביי זיך אין לאַנד, אָדער, חלילה, עס וועט זיי געבען א געלעגענהייט צו פערשפּרייטען זייערע העסליכע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אויך אין ענגלאַנד?

ל. מ.

פולשטענדיגע איינשטימיגקייט אין אקציאָנס-קאָמיטעט
די זיצונגען פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע מיט דער בעטייליגונג פון דער עקזעקוטיווע
ווירטשאַפטליכע קאָמיסיע אַרבייט אויס אַ רעזאָלוציע וועגן פּראָקלאַמירען אַ נויט-פאָנד

ציריך, (יט"א) די פּלענאַר־זיצונגען פון ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט זענען, צוליב שבת, איבערגעריסען געוואָרען. די נעכסטע פּלענאַר־זיצונג פון א. ק. וועט פאָרקומען זונטאָג פריה.

אין דער צווישענצייט האָט היינט זיך בעראַטען די פּאָליטישע קאָמיסיע פון אַבצעהן איבער די פּאָליטישע פּראָבלעמען. אַלע פראַקציעס האָבען זיך געאייניגט אין אַלע וויכטיגסטע פּאָליטישע פראַגען. די קאָמיסיע האָט שוין אויסגעאַרבייט א ריי רעזאָלוציעס, וואָס וועלען דינען אַלס לייטענדע פּרינציפּען פאַר די בעציהונגען פון דער יודישער אַגענץ צו דער קעניגליכער קאָמיסיע, צו דער א"י־רעגירונג און צו די אַראַבער.

די זיצונגען פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע קומען פאָר אונטער'ן פאָרזיץ פון בערל לאָקער (אַרבייטער). וויצע־פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע זענען: אב גאָלדבערג (אַלג. ציוג., אַמעריקא) און הרב זאב גאָלד (מזרחי, אַמעריקא).

אין די היינטיגע זיצונגען פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע האָבען זיך בעטייליגט ד"ר וויצמאַן, דוד בן־גוריון, פּראָפ. בראָדעצקי און אַנדערע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע.

די פּאָליטישע קאָמיסיע האָט אויסגעטיילט א סוב־קאָמיסיע, וועלכע וועט צוגרייטען די ענדגילטיגע רעדאַקציע פון די פּאָליטישע רעזאָלוציעס פאַר דעם זונטאָגדיגען פּלענום פון א. ק.

אַלע רעזאָלוציעס וועלען וואַהרשיינליך אָנגענומען ווערען איינשטימיג, היות די וויכטיגסטע פּאָליטישע אָנגעלעגענהייטען האָבען נישט אַרויסגערופען קיין מיינונגס־פערשידענהייטען וועגען זייער בעהאַנדלונג.

גלייכצייטיג האָט זיך היינט בעראַטען די ווירטשאַפטליכע קאָמיסיע, וואָס האַלט אָפּ איהרע זיצונגען אונטער'ן פאָרזיץ פון ד"ר רופּאַייזען (אַלג. ציוניסטען, פּראָג). די ווירטשאַפטליכע קאָמיסיע בעהאַנדעלט די פראַגע וועגען דער פּראָקלאַמירונג פון ספּעציעלען נויט־פאָנד פאַר א"י.

אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער ווירטשאַפטליכער קאָמיסיע האָט דער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, אליעזר קאַפּלאַן, געהאַלטען אַן'אויסערסט אינטערעסאַנטען רעפעראַט אין וועלכען ער האָט געגעבען אַן'אויספיהרליכען בעריכט וועגען דער א"י־ווירטשאַפט און בעהאַנדעלט א רייהע פון די וויכטיגסטע ווירטשאַפטס־פּאָליטישע פּראָבלעמען.

די אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיסיע האַלט אָפּ איהרע זיצונגען אונטער'ן פאָרזיץ פון י. ביישטאַדט (אַרבייטער). רעפעראַטען איבער אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגען האָבען געהאַלטען די לייטער פון אָרגאַניזאַציאָנס־דעפּאַרטאַמענט פון דער עקזעקוטיווע יצחק גרינבוים און הרב י. ל. פישמאַן.

די אָנגעקינדיגטע רעדעס פון י. גרינבוים און א. האַנטקע אויפ'ן פּלענום פון א. ק. זענען נישט געהאַלטען געוואָרען.

ס׳קליינע דיקטאטאר = לאנד

וואס ס׳איז געווארען פון אונגארן

פושטא, (די אונגארישע סטעפעס), טאקאיער וויין און ציגיינער - מוזיק — דאס זענען דריי זאכען, וועגען וועלכע מ׳דערמאהנט זיך, ווען ס׳קומט אויס צו רעדען פון אונגארן. און דאך וועט איצט דעם בעזוכער פון לאנד ביים טייך דונאי זיך דאכטען אז די פושטא איז ווייניגער ראמאנטיש, דער טאקאיער וויין אביסעל צוזיס, און די ציגיינער - מוזיק שוין נישט אזוי פייערדיג ווי אמאל, און ווי נאר איהר טרעט אריבער די גרעניצען פון דעם לאנד אזוי גלייך דערפיהלט איהר, ווי א שווערע משא ליגט איבער אונגארן, וועמענס הויפטשטאט — בודאפעשט — ווערט פערעכענט פאר איינער פון די שעהנסטע שטעט אין דער וועלט.

דער דונאי איז דא, ביי בודאפעשט, טאקע נישט נאר אזוי בלוי, ווי ביי דער שטאט וויען, אבער אויך דא קען זיך דאס אויג נישט גענוג אנזעטיגען מיטן מעכטיגען שטראם אין דער אומגעגענד, און וואס פארא ווערט וואלט געהאט דאס גאנצע לאנד און די שטאט אהן דעם דונאי? ווען דו שטייגסט ארויף דעם יאהאנסבארג און וואנדערסט מיט דיינע בליקען אויף די בעוואלדערטע בערג, אויף די פראכטפולע געביידעס און קונסטווערק ווערסטו ממש בעצויבערט פון דער נאטירליכער שיינקייט.

פון דעמזעלביגען פונקט האט אין סעפטעמבער 1935 יאהר דער איצטיגער קעניג פון ענגלאנד בעוואונדערט די פראכטפולע שעהנע געגענד. דא איז ער שטונדען לאנג געזעסען מיט זיינע בעגלייטער און געקענט זיך נישט אנזעטיגען מיט די וואונדערבאר - שעהנע בילדער וואס האבען זיך אויסגעשפרייט פאר איהם. דא געפינט איהר טאקע א טאוועל מיט אן׳אויפשריפט, וואס דערציילט אייך, אז דער דעמאלדיגער ענגלישער קרוינפרינץ האט בעזוכט דעם געגענד.

דאס אמאליגע רייכע לאנד איז איצט אויף גרויסע צרות. עס קען נישט לעבען און קען נישט שטארבען, אמאל האט דאס לאנד אלס א טייל פון דער גרויסער עסטרייך - אונגארישער מאנארכיע, געצעהלט א בעפעלקערונג פון צוואנציג מיליאן איינוואוינער. אויף א שטח פון 115 טויזענד סקוועיר-מייל, איצט לעבען און מאטערען זיך אכט מיט א האלבען מיליאן אונגארען אויף א שטח פון פינף און דרייסיג און א האלבען קוו. מייל, פריהער האבען די זיגרייכע לענדער צעשניטען און צושפליטערט דאס לאנד, שפעטער האט די זיגרייכע היימישע רעאקציע מיט פייער און בלוט פערניכטעט די קאמוניסטישע הערשאפט פון א פאלקס - שטאט איז אונגארן פערוואנדעלט געווארען אין א קעניגרייך — דערווייל נאך אהן א קעניג.

די דיקטאטור אין אונגארן איז נישט אזוי גרויזאם, ווי אין אנדערע פאשיסטישע לענדער, דאך שפירט מען אויך דא גאנץ שטארק די פויסט פון דיקטאטאר.

* * *

נאך דער קורצער הערשאפט פון בעלא קוהן מיט זיינע באלשעוויסטישע חברים, האט זיך אין אונגארן פערפעסטיגט די רעאקציע, די „אויפוואכענדע אונגארן" האבען פערטריבען פון לאנד נישט נאר די באלשעוויקעס פון בעלא קונ׳ס חדר, נאר אויך די סאציאל דעמאקראטישע פיהרער. מיר ווילען דא אנרופען די נעמען פון צוויי: נאראמי און בוכינגער, וועלכע זענען געשטאנען אין דער שארפסטער אפאזיציע צו בעלא קונ׳ס רעגירונג, זיי און נאך הונדערטער סאציאליסטען האבען זיך לאנגע יאהרען ארומגעוואלגערט אין עמיגראציע. אין עלענד און נויט.

די עקאנאמישע לאגע אין אונגארן ווערט אלץ ערגער און ערגער, אונגארן וואו די הויפט-בעשעפטיגונג פון דער בעפעלקערונג איז לאנדווירטשאפט, פלעגט מעהר ווי פופציג פראצענט פון איהרע לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען ארויספיהרען אין די פיער שכנישע לענדער: קיין טשעכאסלאוואקיע, עסטרייך, יוגאסלאוויע און רומעניע; פינף און צוואנציג פראצענט קיין דייטשלאנד און איטאליע, און פינף און צוואנציג פראצענט אין אלע איבעריגע לענדער.

איצט אבער, ווען אלע לענדער בעמיהען זיך צו ווערען עקאנאמיש אומפהענגיג, פרובען ענטוויקלען זייער אייגענע אינדוסטריע. איז אויך אונגארן געצוואונגען צו שאפען אן׳אייגענע אינדוסטריע. דאס קען מען אין אונגארן דערגרייכען נאר אויפן חשבון פון די ארבייטער, — נידריגע ארבייטס - לוין און א׳מגעהויערע לאנגע ארבייטס - שטונדען. דאס אליין איז נאך נישט גענוג, כדי צו קאנען קאנקורירען אויפן וועלט-מארק, מוז די רעגירונג ארויסהעלפען מיט גרויסע סובסידיעס, גלייכצייטיג איז די רעגירונג געצוואונגען צו ענדערן ביסלעכווייז איהר אינערליכע פאליטיק. די שטרענגע דיקטאטור איז געווארען אביסעל מילדער. טיילווייז ווערט די קאנסטיטוציע אויפגעריכט, מ׳האט צוריק אויפגעשטעלט דאס וואהל-רעכט, אמת, קיין געהיימע וואהלען ערלויבט מען דערווייל נאך נישט אין אונגארן, און אז מען בעדארף, ווייסט מען גאנץ גוט אין אונגארן, ווי אזוי צו „מאכען" וואהלען. אבער דאך ווערט די פאליטישע לאגע אין לאנד פיל לייכטער, און א סך סאציאל-דעמאקראטישע עמיגראנטען האבען זיך צוריקגעקעהרט קיין אונגארן, די סאציאל - דעמאקראטישע פארטיי איז כלומרשט געווארען געזעצליך, כאטש קיין סך פרייהייט געניסט זי נישט.

דער אונגארישער פארלאמענט צעהלט איצט 245 בורזשואזע און 11 סאציאל דעמאקראטישע דעפוטאטען, מיט עטליכע יאהר צוריק, ביי די ערשטע וואהלען זענען ערוועהלט געווארען 25 סאציאל דעמאקראטען, די רעגירונג האט זיך דערשראקען, און האט אזוי פערקלענערט דאס וואהל רעכט אז איצט האט מען בשום אופן נישט געקענט דורכפיהרען מעהר ווי 11 דעפוטאטען, די רעאקציאנערע רעגירונג וועט שוין זעהן, אז די סאציאל - דעמאקראטישע פראקציע אין פארלאמענט זאל זיך נישט פערגרעסערן.

די אונגארישע רעגירונג האפט נאך אלץ אז איהר וועט געלונגען צו רעווידירען דעם פרידענס אפמאך, און אויסברייטערן די גרעניצען פון ארומגעשניטענעם לאנד.

די דיקטאטארס פון אונגארן בעטלען און געמבעש — האבען שוין מיט יאהרען צוריק זיך בעמיהט צו דערנעהנטערען זיך צו דייטשלאנד. נאכדעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאכט איז די פריינדשאפט נאך מעהר פערשטארקט געווארען. די סאציאל דעמאקראטען זענען געגען דער דייטש-פריינדליכער פאליטיק. זיי ווילען אז אונגארן זאל זיך ענגער פערבינדען מיט די שכנישע „דונאי" - לענדער, דאס וואלט געוויס פערשטארקט דעם איינפלוס פון דער קליינער אנטאנט אין דער אייראפעאישער פאליטיק. די קליינבירגערליכע און פויערשע פארטייען זענען געגען א פריינדליכער דערנעהנטערונג מיט טשעכאסלאוואקיי, ווער וועט דען קויפען די אונגארישע לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען, אויב נישט דייטשלאנד און איטאליע?

די דאזיגע עקאנאמישע אפהענגיגקייט צייכענט אן די ליניע פון ־ער אונגארישער אויס-
לאנדס - פאליטיק, זי פיהרט קיין רוים און
לין, די אלע טענות וועגען פרידען, פרייהייט
קולטור ווערען פערשטומט. און נישט נאר
קליינע ארומגעצופטע אונגארן איז געצוו
נאכצופאלגען די היטלעריסטישע פוסטרים

ה. ד.

אביסעלע קיביץ

(הומאר פון טאג)

די היינטוועלטיגע מיט דער אפיראס אין
פרויליין, זי זענען זעהר סימפאטיש.
די צנועה: יא, אלע מענער זאגען אזוי...

די ערד טריקענט איינציגווייז אויס

די געוואלדיגע טריקעניש אין אמעריקא איז א רעזולטאט פון דער דאזיגער ערשיינונג

די אמעריקאנישע געלעהרטע, וואס אבסערווירען די שרעקליכע טריקעניש פון היינטיגען זומער, פון וועלכער עס ליידען אייניגע מערב׳דיגע היזקות. אבער דאס איז נאך נישט דאס אויך פון קאנאדא, זענען געקומען צו גאנץ טרויעריגע אויספיהרונגען נ׳שט נאר פאר אמעריקע נאר אויך פאר דער גאנצער וועלט.

אינדערזעלבער צייט, וואס דער צפון-מערב׳דיגער טייל פון אייראפא ליידט איצט פון צופיל רעגען, הערשט אין 10 שטאטען און 550 ראיאנען פון אמעריקא און קאנאדא א געוואלדיגע טרוקעניש, וואס האט שוין געבראכט געוואלדיגע היזקות. אבער דאס איז נאך נישט דאס ערגסטע. שרעקליכער איז, וואס די היינטיגע טרוקעניש אין אמעריקא איז פון דעם כאראקטער, אז עס בעווייזט אמבולט׳סטען, דאס אמעריקא און אויך די גאנצע וועלט ענדערט איינציגווייז דעם קלימאט צו ערגערן.

די ערטער, וואס האבען דאס יאהר געליטען פון דער טרוקעניש ווערען איינציגווייז צו טרוקען, אז מען זאל זיי קענען ווייטער בעארבייטען זייער באדען טריקענט נישט נאר אויס, נאר ער ווערט אויך פערשווינדען. פערוואנדעלט דורך די הייסע זונען - שטראהלען אין שטויב ווערט ער איינציגווייז אוועקגעטראגען דורך די ווינדען און עס בלייבט אן׳אונפרוכטבארער זאמדיגער און שטיינערדיגער באדען.

די טריקעניש פון לויפענדען יאהר איז נישט די ערשטע אין דער פערהעלטנישמעסיג קורצער צייט, זייט 1930 איז דאס שוין די דריטע טריקעניש.

נאך מעהר דער איצטיגער פאל איז נאר איינער פון א גאנצע רייהע פאקטען, וואס ווייזען אן, אז מיט יעדען יאהר ווערט אונזער ערד אלס טרוקענער און דער סכום פליסיגקייט אויף איהם אלס וויניגער.

עטליכע סיבות זענען דערצו גורם. ערשטענס דאס כסדר׳דיגע פערניכטען פון די גרויסע וועלדער, וואס האט זיך בעזונדערס פערשטארקט אין משך פון די לעצטע 150 יאהר. דאן האלטען א טייל געלעהרטע, אז די זון איז געווארען הייסער. דער דאזיגער פאקט ווערט בעשטעטיגט דורך די געוואלדיגע היצען, וואס האבען אין לויפענדען יאהר געהערשט אין אמעריקא.

אין די פערייניגטע שטאטען האבען, וואס אן׳אמת פון שטענדיג אן עקזיסטירט ריזיגע וויסטע געגענדען, אבער אין די לעצטע יאהרען האבען זיי זיך אויסגעברייטערט. נאך מעהר דער דאזיגער פראצעס קומט פאר אויף דער גאנצער ערד, און דערביי האט ער זיך אין די לעצטע 10 יאהר בעדייטענד פערשנעלערט.

א בעקאנטער אויטא־יטעט אין די פראגען פראפ. סטעבינג האט נאך אין פערגאנגענעם יאהר אנגעוויזען — בעשטעטיגענדיג זיינע ווערטער מיט א רייהע סטאטיסטישע ציפערען — אויף דער שטארקער אויסשפרייטונג פון די וויסטע געגענדען פון דער מדבר סאהארא. סטעבינג פערזיכערט, אז דער מדבר סאהארא ברייט זיך אויס צו דרום צו מיט דער שנעלקייט פון א האלבען מייל אין יאהר. און אזוי ווי דער דאזיגער פראצעס קומט שוין פאר זייט 3 יאהרהונדערטער בעדראהען שוין איצט די זאמדען פון סאהארא, צפון ניגערא און די פראנצויזישע מערב-אפריקאנישע קאלאניעס.

דער בעסטער בעווייז, אז די ערד ווערט אויסגעטריקענט, גיט די אבסערוואציע פון דער געזאלצענער אזיערע אין אמעריקא. די דאזיגע גרויסע אזיערע האט זיך אויסערגעוועהנליך פערקלענערט. אמאל איז דאס געווען א ריזיגער אינערליכער ים פון אונגעפעהר 30 טויזענט קוואדראט מייל, איצט האט עס נישט מעהר ווי נאר 17,403 קוואדראט מייל.

דיזעלבע ערשיינונג בעמערקט זיך אין אפריקא. אין 1849 האט ליווינגסטאן ענטדעקט א טעריטאריום, וואס נעהמט איצט ארײַן אין בריטישען בעטשואן א ריזיגע אזיערע נגאמי. דאן האט זי געהאלטען 70 מייל אין דער לענג און אונגעפעהר 9 מייל אין דער ברייט. זייט דאן האט זי כסדר אויסגעטריקענט און ווען א וויסענשאפטליכע עקספעדיציע איז מיט א פערהעלטנישמעסיג קורצער צייט צוריק געפאהרען זי אויספארשען, האט זי שוין נישט געפינען קיין שום אזיערע.

אויפן ארט פון דער ריזיגער אזיערע איז געווען נאר א גרויסע פערוואקסענע בלאטע, וואס טריקענט אויך איינציגווייז אויס.

דאס זעלבע קען געזאגט ווערען וועגען דער אזיערע טשאד, איינס פון די גרעסטע אינערליכע אפריקאנישע וואסער - רעזערוואארען, וואס ליגט אין צענטראל אפריקא נישט ווייט פון דער דרומ׳דיגער גרעניץ פון דער מדבר סאהארא. ווען די אייראפעער האבען צום ערשטען מאל די אזיערע ענטדעקט אין יאהר 1822, האט זי געהאט אן׳איבערפלאך פון 40.000 קוואדראט מייל. אבער אין
לעצטע יאהרען האט זיך דאס וואסער אין
אראפגעלאזט אויף אזוי פיל, אז די שטאט
איז 1850 געשטאנען אויף איהר ברעג, האט
אין 1905 געפינען 20 מייל ווייט פון ברעג.

אין מערב אזיען בעווייזט דיזעלבע ער
דער קאספישער ים. שטיצענדיג זיך אויף
אלע פאקטען מאכען די געלעהרטע זעהר
טע אויספיהרונגען. זיי פערזיכערען, אז
רענדיג אין דעם אין-סוף, וועט די ערד אי
ווייז פערלירען איהר פליסיגקייט און דאן
די לופט, וואס וועט דערפיהרען צו דער
ניכטונג פון גאנצען לעבען אויף דער ערד.

א בעקאנטער ענגלישער אסטראנאם, א
ארבייטער פון א מלוכה - אבסערוואטאר
קלערט די דאזיגע ערשיינונג אויך דערמיט
ביי דער שנעליגקייט פון דער בעוועגונג
דער ערד אין רוים, רייסען זיך פון איהר
אפ פון די אויסערליכע שיכטען פון דער א
פער קליינע טיילען וואסער מאלעקולען.

נאך איין ענגלישער געלעהרטער, דער
שטארבענער פראפ. לאוועל, איז געווען אי
איינגט אז קוקענדיג אויף דעם פלאנעט
זענען מיר עדות פון דער אונטערגאנג
פלאנעט. לויט זיין טעאריע זענען די כלומ
קאנאלען אויפן מארס א רעזולטאט פון
נאנטישע ארבייטען, וואס זענען אדורכגע
געווארען דורך די קולטורעלע איינוואוינע
מארס, בכדי זיך צו ראטעווען פון דער טר
און צוציהען דורך די קאנאלען וואסער
פאלוסען — אלס רעזולטאט פון דעם שמ
פון שניי און אייז — צו די צענטראלע
פון פלאנעט.

דאס רוב געלעהרטע איז נישט אינג
מסכים מיט זיין טעאריע. אבער אויך זיי
מאכען נישט די אויגען, אז מיט יעדען
ווערט אלץ וויניגער וואסער אויף דער

קאנגרעס פון פוילישע אינזשיניערען און מעכאניקער אין ווארשא.

אויס־לוגנע אויפ׳ן יריד
קיין וויען
6—12 סעפטעמבער 130 זל.

אויספלוגען אויפ׳ן יריד
קיין פראג
7—14 סעפטעמבער 120 זל.

קיין ווארשא
אויף די באלאנען-פערמעסטונגען גארדאן-בענעט. די רייזען הין און צוריק צוזאמע מיט׳ן איינטריט אויף די פערמעסטונגען 6.20 זל. אפמאהר דעם 29/8, 6.11 מינוט. פון ווארשא, דעם 30/8, 10.10 מינוט.

איינשרייבונגען בעהמט אן
„ארבי׳ס" פיעטריק. 18,
טעל. 249-40.

אין טייך געוואָרפען און צוריקגעפונען

ס'האָט מיט איהם געטראָפען ווי מיט משה רבינו — ווען ער איז געבוירען געוואָרען האָט איהם זיין מוטער אַריינגעוואָרפען אין טייך... — אַ פערפּלאָנטערטע פאַמיליען-דראַמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען זעהר טרויעריג און האָט זיך געענדיגט צום גוטען

פון ה. אַקערמאַן

מיין שוועסטער פּעסי'ס אוועקגעהן פון הויז האָט שוין מיין טאַטענס האַרץ גענוג צוריסען, און איצטער מיין לאַגע — איז אויף איהם געווען אַ מורא אַ קוק צו טון און מיר האָט וועה געטון פאַר איהם מעהר ווי פאַר מיר. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט העלפען. כ'האָב געמוזט וואַרטען מיט מיין בשה, ביז די צייט וועט קומען און איך וועל עס איבערקומען און נאָכדעם וועל איך זיך שוין עפּעס אַן'עצה געבען — האָב איך מיר געטראַכט.

די האָפענונג אין מיין האַרץ אַז נפתּלי וועט זיך דאָך דערמאָהנען אין מיר און וועט פון זיך לאָזען הערען, איז נאָך נישט צערונען געוואָרען און מיין האַרץ האָט נישט אויפגעהערט צו האָפען אַז מיין קינד, וואָס איך דאַרף געבוירען וועט האָבען אַ פאָטער און ער וועט נישט אויפוואַקסען אַן'אומגליקליכער, וואָס וועט זיך אַלע זיינע יאָהרען בעדאַרפען שעהמען אויף דערוועלט. מיינע האָפענונגען אָבער זענען געוועזען אומזיסטע, נפתּלי איז אַריין ווי אין וואַסער אַריין, און „אין קול ואין עונה" — נישט מען האָט איהם געזעהען, נישט מ'האָט פון איהם געהערט. איך האָב געשריבען צו זיין משפּחה קיין יעליסאַוועטגראַד און האָב פאַר זיי אויסגעגאָסען מיין ביטער האַרץ אָבער זיי האָבען מיר געענטפערט אַז ס'טוט זיי זעהר לייד פאַר מיר, אָבער זיי אַליין האָבען גאָרנישט קיין בריף פון נפתּלין און לאַנד פון די נביאים אוּ ? רעליגיעס וועט הער־ זי ווייסען נישט וואָס מיט איהם האָט געטראָפען.

אַזוי האָט זיך דערווייל דערנעענטערט די צייט פון מיין קינפּעט — און איך האָב געהאַט אַ יונגעלע, אַז ס'איז אויף דער וועלט דאַן נישט געווען קיין אומגליקליכערע פרוי פון מיר. פון דעם איז אָפּגערעדט, כ'האָב זיך פאַר יעדען איינעם געשעמט,. מיין פאָטער האָט מיט מיר נישט גערעדט, איך האָב נישט געוואוסט צי פון צרות, צי דערפאַר, וואָס ער איז אויף מיר ברוגז פאַרוואָס איך האָב דערלאָזט צו אַזאַ זאַך. אַזוי צי אַזוי — דערווייל איז מיר געווען ביטער און פינסטער.

זי פאַלט אויף אַ פּלאַן.

עס זאָל אַזוי ווייטער" אָנגעהן, האָב איך געזעהען אַז ס'איז אומעגליך. איך וועל אַזוי נישט קאָנען לעבען. איך האָב געוואוסט אַז אין שטעטעל ביי אונז וועל איך שוין זיין אַ פערמשפּטע און אַלע וועלען שוין אויף מיר טייטלען מיט די פינגער, און ס'איז פאַר מיר, האָט איך געוואוסט דאָ נאָר איין פּלאַן. — אַוועק קיין אַמעריקע. און דאָרט וועל איך אָנהויבען אַ ניי לעבען. איך האָב מיין פּלאַן דערציילט מיין פאָטער — און ווי שווער עס איז איהם נישט געווען אויסצוזוכען פאַר מיר געלד אויף הוצאות, האָט ער זיך אָנגעטון אַ כוח און אַנלייענדיג זיך ביי דער זון און ביי דער לבנה, האָט ער יאַקאַש צונויפגענומען דאָס געלד און האָט עס מיר געגעבען, ווי איינער רעדט : — נאַ טו וואָס דו ווילסט. ער האָט מיר נישט געזאָגט יאָ פאַהרען, נישט פאַהרען, און איך האָב אַליין בעדאַרפט בעשליסען וואָס צו טון. איך האָב ביי איהם גענומען דאָס געלד און איך האָב אין אַ שעהנעם טאָג גענומען מיין קינד און כ'האָב פערלאָזען דאָס שטעטעל. צוערשט האָב איך גערעכענט דאָס קינד מיטצונעהמען מיט זיך. ער איז דאַן אַלט געווען אַרום זיבען חדשים אָבער אויפן וועג האָב איך ערשט איינגעזעהען ווי שווער ס'איז מיר מיטן קינד, און איך בין זיך דאָ מודה, אַז כ'האָב בעשלאָסען פונם קינד פּטור צו ווערען איך ווייס, אַז אַ סך מאַמעס וועלען מיך פערדאַמען דערפאַר וואָס כ'האָב דאָס געטון, אָבער אַ סך יונגע מוטערס וואָס האָבען זיך אַמאָל געפונען אין מיין לאַגע וועלען מיך פערשטיין און מיר פערגעבען ווי ס'האָט מיר שפּעטער פערגעבען מיין זוהן— ווי איך וועל עס ווייטער דערצעהלען אין דער געשיכטע.

אַ מולטער מיט אַ קינד אויף אַ טייך.

— איך וועל ערגיץ אונטערוואַרפען מיין קינד — האָב איך ביי זיך בעשלאָסען — גוטע מענשען וועלען אויף איהם רחמנות האָבען און עס וועט פאַר איהם זיין פיל בעסער ערצויגען צו ווערען ביי פרעמדע מענשען איידער אָהן אַ טאַטען און ביי אַן'אומגליקליכער מאַמען...

אָבער ווי טוט מען דאָס ? האָב איך געטראַכט ביז איך געפאַלען אויף אַ פּלאַן. אין דעם שטעטעל, וואו איך האָב זיך דאַן געפונען און פון וואַנען איך האָב בעדאַרפט אַריבער דעם גרענעץ אויפן וועג קיין אַמעריקע, איז געווען אַ גרויסער טייך. און די שטעטלשע יודען און ווייבער פלעגען קומען זיך באָדען אין יענעם טייך. האָב איך גענומען מיין קינד אַריינגעלייגט איהם אין אַ מולטער און האָב די מולטער אָפּגעלאָזט אויפן ברעג טייך. אַזוי, אַז קיינער זאָל מיך נישט בעמערקען. — אין אַזוי ווי ס'איז דאַן געווען פרייטאָג בייטאָג און אַ סך מענשען האָבען זיך געבאָדען, האָב איך פון דערווייטענס צוגעזעהען, ווי ס'איז געוואָרען אַ טומעל צווישען דעם עולם. ווען זיי האָבען דערזעהען דאָס מולטערל מיטן קינד.

איך, אבי כ'האָב געזעהען אַז דאָס קינד מיינס איז אַ לעבעדיגעס אַריינגעפאַלען צו יודען אין די הענד אַריין, האָב איך שוין געוואוסט, אַז איך דאַרף זיך וועגען דעם נישט זאָרגען, אַז מען וועט שוין ווי עס איז אַכטונג געבען אויף איהם און אַזוי בין איך אַליין אָהן דעם קינד אַנגעקומען קיין אַמעריקע.

יאָ, איידער איך געה ווייטער מיט דער געשיכטע וויל איך דאָ נאָך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען מיין אוועקלאָזען דאָס קינד מיטן וואַסער. איך האָב מיט איהם איבערגעלאָזט אַ בריוועל געשריבען אין פּשוטען יודיש. אין וועלכן כ'האָב געבעטען צו וועמען דאָס קינד וועט אַריינפאַלען אַז מען זאָל מיר ענטשולדיגען פאַרוואָס איך האָב דאָס געטון. און האָב געבעטען די גוטע פרוי ווער זי זאָל נישט זיין, וואָס וועט נעהמען דאָס קינד, ווי נאָר עס וועט אונטערוואַקסען און קומען צום שכל איהם אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת, אַז מען האָט איהם געפונען שווימען אין אַ מולטער אויפן טייך און אַז זיין מאַמע בעט איהם נישט צו טראָגען קיין שווער האַרץ אויף איהר — און אין בריף האָב איך ווייטער געשריבען, אַז איך פאָהר קיין אַמעריקאַ, און האָב זיך אונטערגעשריבען : „אַן'אומגליקליכע מאַמע". כ'האָב נישט אונטערגעשריבען נישט מיין נאָמען און נישט פון וואַנען איך קום, כ'האָב נאָר געלאָזט וויסען, אַז דאָס קינד איז אַלט אַרום זיבען חדשים און אַז זיין נאָמען איז „ניוניאַ". פאַרוואָס עפּעס אַזאַ נאָמען ? וועט איהר הערען. ווי יעדע יונגע מיידעל, אַזוי האָב איך אויך געטרוימט יונגערהייט וועגען מיין צוקונפט, ווען כ'וועל חתונה האָבען און האָבען קינדער, און אַז איך וועל האָבען אַ יונגעלע האָב איך מיר דאַן געשפּינען חלומות, וועל איך איהם אַ נאָמען געבען ניוניאַ, ביי אונז אין אָסטישעווע האָט אין שכנות פון אונז געוואוינט דער אַפּטייקער, און זיין יונגעלע האָט אַזוי געהייסען — און מיר איז דער נאָמען זעהר געפעלען געוואָרען, האָב איך איצטער מיין טרוים „פערווירקליכט" און כ'האָב מיין זוהן אַ נאָמען געגעבען „ניוניאַ".

זי זוכט נפתּלין און קאָן איהם נישט געפינען.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע. האָב איך זיך ווי יעדע עלענדע מיידעל, וועלכע האָט דאָ נישט קיינעם, גאַנץ גוט געפּלאָגט און האָב קוים פערדינט זיך אויסצוהאַלטען, איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ פאַך. און אַזוי האָב איך געלעבט.

כאָטש נפתּלי האָט מיר אָפּגעטון אַזאַ זאַך און ער האָט צו מיר אַזוי געמיין געהאַנדעלט, איז ער מיר אָפט געקומען אויף די געדאַנקען, און איך האָב איהם אַנגעהויבען אַרומזוכען איבער ניו-יאָרק אויף פערשידענע פּלעצער. אָבער מיין מיה איז געווען אומזיסט, איך האָב איהם אין ערגעץ נישט געפונען, און דאָס, וואָס איך האָב איהם נישט געקאָנט געפונען, האָט מיך געמאַכט צו גלויבען, אַז אפשר איז ער גאָר נישט שולדיג. וואָס ער לאָזט נישט הערען פון זיך. אפשר האָט מיט איהם עפּעס געטראָפען, אפשר לעבט ער שוין נישט... עס קאָן זיך דאָך אַלץ מאַכען אויף דער וועלט.

אין אַמעריקע האָב איך זיך אַנגעהויבען „אויסצוגרינען" בייטאָג האָב איך געאַרבייט אין שאַפּ און אויף דער נאַכט בין איך געגאַנגען אין שול און האָב געלערנט ענגליש. מיט דער צייט האָב איך זיך געשאַפען אַ קרייז פריינט און האָב פערבראַכט די צייט נישט שלעכט.

עס איז אַוועק אַ יאָהר און צוויי און מעהר. איך האָב שפּאַצירט מיט פערשידענע בחורים, אָבער צו קיין שידוך איז עס נישט געקומען. אַלע מאָל פלעגט זיך מאַכען עפּעס אַן'אַנדער זאַך. וואָס פלעגט מיר שטערען חתונה האָבען. איינמאָל איז דאָס געווען דורך מיר. אַ צווייטען מאָל דורכן בחור. אָבער דער סוף איז געווען, אַז איך בין געזעסען אַ מיידעל.

איך זאָג אומיסטען אַ מיידעל. ווייל פאַר אַזעלכער האָב איך זיך צווישען מיינע בעקאַנטע אַנגעגעבען. איך האָב זיך געטראַכט, אַז ביז עס וועט נישט קומען ביי חתונה האָבען, וועל איך קיינעם נישט אויסזאָגען מיין פערגאַנגענהייט.

און מיט דער צייט איז אויך געקומען מיין ריכטיגער בעשערטער.

אַ מיידעל פון שאַפּ וואו איך האָב געאַרבייט, האָט מיך איינמאָל פערבעטען צו איהר אין הויז אויף אַ „פּאַרטי" און דאָרטען האָב איך זיך בעקענט מיט אַ יונגענמאַן. וועמען איך האָב שפּעטער חתונה געהאַט, און איך האָב נישט געהאַט קיין חרטה.

מיר זענען זיך ביידע געפעלען געוואָרען, ער איז אויך געווען אַן'אַריבערגעקומענער פון יענער זייט, און ער האָט דאָ געהאַט עלטערן מיט שוועסטער און ברידער. ער האָט מיך גענומען צו זיינע עלטערן אין הויז אַריין און איך בין זיי געפעלען געוואָרען.

זי זאָגט איהר חתן אויס דעם סוד...

נאָכדעם האָט מיר אַהרן (אַזוי האָט ער געהייסען) געגעבען אַ רינג און איך בין געוואָרען זיין כלה. ווען ס'האָט זיך דערנעהנטערט די צייט פון אונזער חתונה, האָב איך אַהרנ'ען פערטרויט דעם סוד פון מיין פערגאַנגענהייט, און ווי גליקליך בין איך דאַן געווען, אַז אָנשטאָט מיין וידוי פאַר איהם זאָל ווירקען צום שלעכטען, האָט ער מיר ערשט פערזיכערט אויף דאָס ניי, אַז איהם אַרט נישט וואָס ס'איז אַמאָל געווען. און נישט נאָר איין קינד, נאָר אפילו ווען איך זאָל געווען האָבען צעהן קינדער וואָלט איהם אויך נישט געאַרט — אַזוי ליב האָט ער מיך. איך האָב דאַן (איהם אין די אויגען) געוויינט פאַר גליק — און שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכען זענען מיר געגאַנגען אונטער דער חופּה. מיר האָבען זיך געדונגען אַ שעהנע היים און האָבען זיך בעזעצט אין אַ שעהנעם געגענד — און האָבען געפיהרט אַ צופרידען און גליקליך לעבען.

מיין מאַן האָט פערדינט גאַנץ גוט און ס'איז ביי איהם נישט געווען אַ צו-טייערע זאַך פאַר מיר. וואָס נאָר איך זאָל געווען אַרויסריידען, האָט ער פאַר מיר געטון, מיט זיין משפּחה האָב איך זיך גוט געלעבט — און מיט איין וואָרט, ס'האָט מיר נישט באַנג געטון, וואָס איך האָב פערלאָזט מיין שטעטעל און בין געקומען קיין אַמעריקע.

איין זאַך אָבער האָט מיר יאָ באַנג געטון — נאָך מיין זוהן. ווען ער איז איצטער מיט מיר, וואָלט דאָך קיינער מיין גלייכען נישט געווען. אַ חוץ דעם וואָס ער איז מיין אייגן בלוט און פלייש און איך האָב איבער איהם בלוט פערגאָסען און ער איז מיר איצטער נאָך טייערער געוואָרען און ס'איז געווען אַ גרויסע אורזאַך דערפון: מיט מיין מאַן האָב איך קיין קינדער נישט געקאָנט האָבען — און איך האָב זעהר שטאַרק געבענקט נאָך אַ קינד.

עס האָט אויסגעבראָכען די וועלט-מלחמה און אין דער צייט פון קריג איז מיין מאַן נתעשר געוואָרען. ער פלעגט פערדינען אַזוי פיל געלד. אַז מיר האָבען שוין געהאַט פערלוירען דעם חשבון וויפיל מיר פערמאָגען. מיר האָבען אַריינגעלייגט געלד אין פערשידענע געשעפטען, און מיר האָבען זיך געבאָדען אין געלד, מיר האָבען אַלץ פערמאָגט — און אונזער בענקשאַפט נאָך אַ קינד האָט זיך נאָך מעהר פערגרעסערט.

(סוף מאָרגען)

זיין נייע וואָוינונג

(סאָוויעטישע הומאָרעסקע)

ער איז אַריין אָנקוקען די נייע וואָוינונג. עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט פאַרב, קליי און מיט נאַסע טאַפּעטען. אָבער מילאַכאָוו האָט מיט ענטציקונג געקוקט זיין נייע דירה און דער גערוך האָט פאַר איהם געהאַט אַזאַ זיסקייט און אַנרעגונג, ווי דער ריח פון אַ פּוטערל פון אַ געליבטער.

— דאָ וועט זיין מיין קאַבינעט, — האָט ער געזאָגט זיינעריש, — זעהט נאָר זעהט, מ'קען דאָ מאַכען אַ טראָט !

— שפּאַנט אייך געזונטערהייט וויפיל אייער האַרץ גלוסט, — האָט געענטפערט דער סופּעראינטענדענט — דעם עלפטען וועט איהר זיך קענען איבערציהען.

— דו בערעכען נאָר, — האָט ער צופלאַמט גערעדט צו דער ווייב, — יעראַשקאָ'ן קלאַגט זיך, אַז איהם לאָזט נישט לעבען רוהיג די היינטיגע צייט אַזוי צו זאָגען, לוזינגען לאָזען נישט לעבען די קינדער, וואָסיע'ן זיין פּעסימיזם, און מיר ווייסטו ווער עס האָט נישט געלאָזען לעבען ? אָט די שאַנק, אַז וועלכער איך פלעג נאָכאַנאַנד אָפּקלאַפּען מיין זייט. אָט דער ענגער, וואָס איך פלעג אָפּשלאָגען אַן איהם מיין קין. איך האָב געדאַרפט געהן מיט אַ זייט אַרום לעבען. פאַרוואָס זאָל אַ מענש, וואָס גלויבט אין דער צוקונפט פון דער מענשהייט געהן עפּעס מיט אַ זייט, אָבער דאָרט אין דער נייער דירה וועל איך האָבען אַ נייעם קאַבינעט אַ גערוימען מיט צוויי גרויסע פענסטער, און וואָס פאַר אַ ווענט ? דו פערשטעהסט וואָס עס זענען אַזוינע ווענט ?

— ניין, פאַרשוין מיינער, — האָט דאָס ווייב בייז געענטפערט, איך פערשטעה נישט. גיב מיר אַהער דעם ווערטער-בוך, לאָז שלאָפען, שטער נישט !

דעם פערצענטען האָט מען זיך איבערגעקליבען, ביי מילאַכאָוו'ן אין קאַבינעט האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ שרייב-טיש, אַן'עטאַזשערקע און צוויי שטוהלען. דאָס צימער האָט אויסגעזעהען אַזוי גרויס, ווי פאַר אַ פּאָלק זעלנער.

— רוים !... — האָט מילאַכאָוו ענטציקט אויסגעשריגען. — ס'אַרא רחבות, ס'אַרא פרייקייט ! און די לופט !

— אויב דו וועסט אַזוי זיך טראָגען, ווי משוגע, איבערן צימער, — האָט דאָס ווייב אומצופרידען בעמערקט, וועט טאַקע בלייבען נאָר די לופט אַליין. העלף מיר באַטש איבערטראָגען די וואַזשכע ! יאָ, איך רעכען, אַז דעם בלויען טעפּיך וועסטו אויפהענגען ביי זיך.

— זאָל זיין אַזוי, — האָט נישט מיט גרויס צופריעדנהייט מילאַכאָוו איינגעוויליגט, — אַ טעפּיך נעהמט נישט צו קיין סך אָרט, גיב שוין אַהער דעם טעפּיך...

אין צוויי טעג שפּעטער איז מילאַכאָוו אוועקגעפאָהרען קיין קיעוו אויף אַ וואָך צייט, אַז ער איז געקומען צופאָהרען — אַ גאַנצען וועג האָט ער געטראַכט פון זיין נייעם קאַבינעט — האָט איהם דאָס ווייב בעגעגענט מיט אַ שטילען שמייכעל.

— און ווער האָט מיין מאַנעלע געמאַכט אַ סורפּריז ?

— האָט זי סודות'פול געזאָגט און האָט איהם אָנגעשטעלט די באַק, וואָס האָט געהאַט אַ ריח פון ציין-פּאַסטע.

— אוודאי מיין קראָליקעל, מיין ווייבעלע — האָט מילאַכאָוו זיס געזאָגט און האָט איהר אַ קוש געטון אין באַק.

דער סורפּריז איז באמת געווען אַן'אומערוואַרטעטער. דאָס קליין קראָליקעל, דאָס ווייבעלע, האָט שוין בעוויזען צו קויפען אויף אויסצופּוצען אַ ברוינעם טעפּיך, וועלכער האָט פערנומען אַ האַלבען קאַבינעט, זי האָט געקויפט אַ שראַנק פאַר קליידער, וועלכער האָט פערנומען דעם צווייטען העלפט פון קאַבינעט, זי האָט נאָך געקראָגען אַ גיפּסענע פיגור, וואָס האָט מיט זיך פערגעשטעלט אַ רוימישען העלד, וועלכער טריקענט זיינע הויזען.

— דער טעפּיך איז אַן'אויסנאַהם, אַן'אַנטיק, דאָס איז פון אַלעקסאַנדערס צייטען, — האָט דאָס ווייב בעוויזען מיטן פינגער אויפן טעפּיך, — דאָס האָט זיך מיר געמאַכט דורך אַ צופאַל, אפשר איז דיר נישט געפעלען ?

— ניין, גאַנץ פיין... אָריגינעל, — האָט מילאַכאָוו טרויעריג אָפּגעזיפצט, דאַן האָבען מענשען געמוזט וואוינען אין זעהר גרויסע זאַלען. פאַר אַ געוועהנליכען צימער איז אַזאַ טעפּיך אַביסעלע צו-גרויסליך.

— אָבער וואָס זאָגסטו אויף דער פיגור ? זעה די ליניעס .

— ליניעס ווי עס בעדאַרף צו זיין, — האָט מילאַכאָיעוו ווידער אָפּגעזיפצט און האָט מיט פערבעהאַלטענעם האַס אַ קוק געגעבען אויף דער גיפּסענער פיגור, וואָס האָט איהם פערצוימט דעם פרייען וועג צום שרייב-טיש.

— אפשר וואָלט מען די פיגור געקענט שטעלען אין וואַנע-צימער ?

— שטעל ! — האָט זיך דאָס ווייב גלייך בעליידיגט.

— גוט, — האָט מילאַכאָיעוו טרויעריג געזאָגט, — גוט, מיר געפעלט אַלץ... און דער אַלמער געפעלט מיר, און דאָס וואָס ער איז אַזוי גרויס איז אויך גוט. איך וועל אין איהם פערבערגען מיינע פרייע טעג...

דאָ האָט דאָס קליינע ווייבעלע זיך צעיאָמערט און האָט אָפּגעוויינט פון ניין ביז עלף. מ'האָט בעדאַרפט שליסען פריידען. און מילאַכאָיעוו האָט געזאָגט מיט אַ בלייכען שמייכעל :

— אפשר וועלען מיר אויך דעם צווייטען טעפּיך אויפהענגען ביי מיר ?

— יאָ, ביי דיר, — האָט דאָס ווייב איינגעשטימט און האָט נאָך אַלץ געגאָסען מיט טרעהרען, און דערנאָך האָט מען געבראַכט אַ גרויסען שפּיגעל, ער איז אויך געווען פון די אַלטע אַלטע צייטען... ער האָט פערנומען אַ האַלבען פענסטער און פערשטעלט דאָס ליכט.

— נאַ, אָט האָסטו דיר, דו שלעכטער, — האָט דאָס ווייב געזאָגט, — ביזט עס רען ווערט ? — און זי האָט אַרויסגענומען אַ בילד.

דאָס בילד איז געווען אין אַ גילדערנער ראַהם, עס האָט פאָרגעשטעלט ווי אַ הירש קוקט אויף אַ פישער-נעץ. מילאַכאָוו האָט געהאַט אַ פערלאַנג אָנטון דעם הירש בריליען און איהם גלייך אַרויסוואַרפען פון צימער צוזאַמען מיט דער ראַהם. אָבער ער האָט עס געמוזט אויפהענגען אויפן וואַנד, אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז צו דעם הירש צוגעקומען, אַ גרויער האַלענדער, וועלכער איז געהאַנגען אַנטקעגען דעם הירש. און האָט געפּאַרקעט זיין פּיפּקע. און גלייך נאָך דעם האַלענדער איז אין צימער אַריינגעפאַהרען אַ הענג-לאָמפּ מיט ווילדע גלעזערנע הענגערלעך : צוויי פערלאַטעטע פאָטעלען, וואָס מ'פלעגט אין זיי מוזען אַריינפאַלען, אויפן וואַנט האָבען זיך איינגעשטיגט אַכט גרויסע טעלער, אין וועלכע אין מלך סאָביעסקים צייטען האָבען גבירים געגעסען לעקעך מיט ראָזשינקעס...

— ברענג נאָך, ברענג נאָך וואָס דו ווילסט אַליין, — האָט האָפענונגסלאָז איינגעשטימט מילאַכאָוו, — אפשר זאָלען מיר נאָך צוקויפען צום רומעל אַ פּוסהאַרמאָניע פון אַברהם אבינו'ס צייטען ? ני באַהער, מיר איז גערוים! איך קען וואוינען אונטערן טיש... דאָרט שטעהען בלויז צוויי קערב פאַר פּאַפּיר. איך וועל האָבען אַן'אָרט.

ער איז געזעסען אַרומגערינגלט פון זאַכען, אַ שפּריז טון איז נישט געווען וואו, די זאַכען האָבען איינגעשלונגען דעם צימער, די לופט... די זאַכען האָבען געהאַלטען אין אויפפרעסען דעם מענשען. ענדליך האָבען זיי זיך דערקליבען צו זיין ליבע...

איינמאָל אין אַ הערבסטיגען טריבען אָוונד, האָט דאָס קליינע ווייבעלע מיט בעגייסטערונג דערצעהלט פאַר איהר אַ שכנה, וואָס פאַר אַ גרויסע איבעראַשונג זי גרייט צו פאַר איהר מאַן. זי האָט געקויפט בלויע פאַרהאַנגען אויף די פענסטער און אַן'אַנגעשטאָפּטען בער צו שטעלען אויף דער פאָדלאָגע.

— אַ מאַן, אַז מ'האָט ליב, דאַרף מען איהם מאַכען געמיטליך. מען דאַרף שאַפען אַן'אַטמאָספערע, זאַכען בינדען צו דעם מאַן צו דער פאַמיליע, זאַכען קען מען גאָרנישט אָפּטיילען פון דער פאַמיליע.

אין יענער צייט איז דער געליבטער מאַן איהרער געזעסען ביי זיין געוועזענער סטענאָגראַפיסטין און האָט פעסט געדריקט איהר פוס אין דעם גאָלד-ברוינעם זאָק.

— וואונדערליך איז דאָ ביי אייך, סאָניעלע, — האָט ער פערשיכורט געפליסטערט.

— איהר חוזקט פון מיר, — האָט סאָניע נישט געהאַלט אַנגעהמען דעם קאָמפּלימענט. — איז דאָס רען אַ לעבען? אַ ליידיג צימער, גאָר נישטאָ קיין מעבעל, בלויז אַ טעפּיך און אַן'עטאַזשערקע.

— וואונדערליך, סאָניעלע, — האָט מילאַכאָוו געפליסטערט, — וואונדערליך פרייהייט, לופט... אַה, ווי איך וואָלט געוואָלט דאָ פערבלייבען אויף שטענדיג.

— נו, פערבלייבט, האָט שעהמעוודיג פאָרגעלעגט די סטענאָגראַפיסטין.

— יאָ טייערע, יאָ, — האָט מילאַכאָוו שנעל איינגעוויליגט, — מען דאַרף נאָר אַנטעלעפאָנירען מיין נודניצע און זאָגען איהר, אַז איך בין אוועקגעפאָהרען פון שטאָט צוליב געשעפט. איך וויל לופט! לופט?

אַרקאַדי בוכאָוו

רעכט און לעבען

יורידישע ביילאַגע פון „נייעם פאָלקסבלאַט"

נאָטיצען

יודישע ווירטסלייט בעזינט אייך

מיר לעבען איבער אַ צייט, וואָס ענליכעס איז, דוכט זיך, דער געשיכטע פון דער מענשהייט נאָך נישט בעקאַנט.

אַ שטורם פון הפקרות, רשעות און ווילדקייט טראָגט זיך דורך איבער דער לענג און ברייט פון דער וועלט און פערפעסטעט, וואָס אַמאָל מעהר די מוחות און הערצער פון פעלקער און לענדער.

די דאָזיגע פּלאָג, די בושעווענדע בעסטיע גיט זיך אָבער אַמפּיינליכסטען צו פיהלען אונז יודען, אויף אונזערע שוואַכע פּלייצעס מוזען מיר נעבעך אויסטראָגען אַלע בייזע ווינדען, אַלע ברוטאַלע געננג און דירעקטע חשבונות פון צאַרנדיגע און פערכאַפּערישע הערצער.

ס'פיהלט אונז שוין באַלד אויס כוח פון אַכצען און קרעכצען. מיר פרובען אַפּעלירען צו דער וועלט, האַלטען אין איין מאַהנען ביי איהר יושר און גערעכטיגקייט. מיר האָבען כסדר טענות, הלמאַי קיינער הערט זיך נישט צו צו אונזערע געוויינען און געשרייען.

אין דער זעלבער צייט פערגעסען מיר אָבער אַז אין אונזערע אייגענע רייהען ווילדעוועט שוין אַ שפּאַר ביסל די נגע צרעת פון ווילקיר און כאַמסטווא, דעצידירט די פויסט, דער נאַקעטער קעשענע - אינטערעס און ס'הייבען אָן פערטויבט און פערטעמפּט צו ווערען די צאַרטע געפיהלען פון רחמנות און מענשליכקייט.

קאָנסטאַטירענדיג די דאָזיגע דערשיינונגען, האָבען מיר נישט אין זין דעם גאַנצען קאָמפּלעקס געגענזייטיגע בעציהונגען אין יודישען לעבען. מיר שטעלען זיך דאָס מאָל אָפּ בלויז אויף איין אַפּשניט און נעמליך: אויף דער פערהעלטניש פון יודישען הויז-בעזיצער צום יודישען לאָקאַטאָר.

ווי-זשע דען זאָל מען בעצייכענען, אויב נישט אַלס ווילדקייט און הפקרות. די וואַקסענדע צאָהל פאַלען, ווען ווירטסלייט רעכענען זיך מיט קיין שום דין-תורות, לאַכען זיך אויס פון מענשען און אויסנוצענדיג אַ פּסק-דין, אָפט אַן'אָוועקגעלייגטען, זאָגאַר שוין לאַנג בעצאָהלטען אָדער דורך אַ שפּיצעל אַן'אַרויסבעקומענעם און פיהרען אויס די אַכזריות'דיגסטע עקסמיסיעס, נישט זעלטען איבער אַלמנות און יתומים, זקנים און קינדער.

אָדער מ'נעהמט אַ פּריוואַטען, פערהאַרעוועטען מענש, וועלכער שטיקט זיך אין דער היינטיגער ביטערער צייט פאַר אַ גראָשען פּרנסה און פאַר דער קלענסטער פערשפּעטיגונג מיט צאָהלען דירה-געלד, אָדער פאַר אַן'אַנדערער גראָשענדיגער קליינינקייט און מ'לאַדענט איהם אין די געריכטען, מ'טרייבט איהם אַריין אין סאַמע קאָסטען, פיל מאָל איבערשטייגענדע דעם אייגענטליכען בעטרעף און מ'ליציטירט איהם שפּעטער אויס פון שטוב דעם לעצטען אָרימען גראַט.

און דערביי בלייבען נאָך די דאָזיגע האַרצלאָזע און גראָב-הויטיגע בריאים שיינע יודען, פערנעהמען ווייטער די מזרח-וואַנד אין די שטיבלעך און חברות אָדער דעם אויבענאָן אין אַנדערע לעבענס-געביטען!

מיר זאָגען נישט, אַז אַ ווירט דאַרף אייביג לאָזען וואוינען אין זיין הויז בחנם אַ פעראָרים-

טען לאָקאַטאָר, ער מוז אָבער אַרויסווייזען פערשטענדניש, אויף אַ מענשליכען אופן זעהען מיט איהם דורכצוקומען און בשום אופן נישט דערלאָזען צו קיין עקסמיסיע אָדער עקזעקוציע.

ווייל אַן'עקסמיסיע איז אַן'עקעלדיגער אַכזריות'דיגער אַקט, אַ פערשוועכונג פון די הייליגסטע מענשליכע געפיהלען. אויב אין נאָרמאַלע צייטען איז אַזאַ עקזעקוציע געווען מיאוס, געמיין, איז זי היינט גרויזאַם, רוצח'יש. י. א.

קורצע אויפקלערונגען וועגען אקטועלע רעכטליכע ענינים

לאָקאַל-שטייער און לאָקאַטאָרען-שוץ

פיל לאָקאַטאָרען מיינען, אַז די דאָזיגע צוויי ענינים האָבען צווישען זיך אַ געוויסע געמיינזאַמקייט, אַז איינער איז אָפּהענגיג פון אַנדערען. צאָהלט מען למשל, פאַר אַ דירה לאָקאַל-שטייער איז אַ בעווייז, אַז דער דאָזיגער לאָקאַל אונטערליגט שוין ממילא די בעשטימונגען פון דעקרעט וועגען לאָקאַטאָרען-שוץ.

כדאַי דעריבער אויפצוקלערען, אַז די דאָזיגע השערה איז פון גרונט אויס אַ פאַלשע. דער לאָקאַל-שטייער האָט נישט קיין שום שייכות מיטן לאָקאַטאָרען-שוץ. מ'קאָן צאָהלען פאַר אַ דירה לאָקאַל-שטייער און די דאָזיגע דירה קאָן נישט אונטערליגען די בעשטימונגען פון לאָקאַטאָרען שוץ.

ס'האַנדעלט זיך דאָ וועגען געזעץ, וואָס איז אויסען צו בעוועגען די פערמעגליכערע שיכטען פון דער בעפעלקערונג צו לאָקירען זייערע אָפּשפּאָרונגען אין הייזערבוי. דאָס דערמאָהנטע געזעץ האָט אָנערקענט פאַר נייע הייזער געוויסע שטייערען-הנחות. אין משך פון אַ בעשטימטער צייט זענען דעסטגלייכען אויך לאָקאַטאָרען אין נייע הייזער בעפרייט געוואָרען פון דער פליכט צו צאָהלען לאָקאַל-שטייער.

אין בעטראַכט קומען דאָ צוויי טערמינען: אַ 10-יעהריגער און אַ 15-יעהריגער, אָפּהענגיג דערפון, ווען מ'האָט זיך אָנגעהויבען אַריינציהען איז אַזאַ ניי הויז.

אויב דער 10-יעהריגער טערמין האָט זיך שוין געענדיגט, זענען די לאָקאַטאָרען פון אַזאַ ניי הויז גלייך מחויב אָנהייבען צו צאָהלען לאָקאַל-שטייער. דאַגעגען איז אויף זיי ווייטער נישט חל דער דעקרעט פון לאָקאַטאָרען-שוץ.

דער דערמאָהנטער שוצלאַיער צושטאַנד איז נישט קיין צייטווייליגער, נאָר אַ סטאַבילער, אַלענפאַלס וועט ער אַזוי לאַנג דויערען, כל זמן ס'וועט נישט פערעפענטליכט ווערען אַ געזעץ, וואָס זאָל אויך אויף די דאָזיגע הייזער אויסשפּרייטען די בעשטימונגען פון לאָקאַטאָרען-שוץ.

וואָס שייך דעם טערמין פון 10 יאָהר, נאָכן אָפּלויף פון וועלכען מ'מוז אָנהייבען צו צאָהלען לאָקאַל-שטייער, דאַרף אויפמערקזאַם געמאַכט ווערען, אַז דער טערמין הייבט זיך אָן צו רעכענען פון מאָמענט, נישט ווען דער בנין איז אויסגעפערטיגט געוואָרען, נאָר ווען דער ערשטער לאָקאַטאָר האָט זיך אַריינגעצויגען אין הויז.

ביי איין געלעגענהייט איז אויך כדאַי אָפּצושטעלען זיך אויף נאָך אַ פּרט, וועלכער פעראורזאַכט אָבער אויך נישט ווייניג מיספערשטענדנישען. פערהאַן אַ סך דירות, וועלכע בעשטייען פון איבערגעבויטע בוידעמס, די לאָקאַטאָרען פון אַזעלכע דירות געפינען זיך באמת אין די בעריהרטע פאַלען אין אַ מאָדנער לאַגע:

דאָס געזעץ וועגען לאָקאַל-שטייער אָנערקענט נישט אַזעלכע איבערגעבויטע בוידעמס פאַר נייע בנינים. ממילא זענען די לאָקאַטאָרען פון די דאָזיגע דירות מחויב צו צאָהלען לאָקאַל-שטייער.

קורץ: דער געזעצגעבער פון לאָקאַל-שטייער טראַקטירט איבערגעבויטע בוידעמס, ווי אַלטע הייזער.

דאָס געזעץ וועגען לאָקאַטאָרען-שוץ האַלט זיך ביי אַ פערקעהרטער מיינונג. אַן'איבערגעבויט פון אַ בוידעם הויז-טייל נעהמט עס נישט אונטערן שוץ אַזוי, אַז פאַרן לאָקאַטאָרען-שוץ - געזעצגעבער איז אַזאַ איבערגעבויט הויז דווקא יאָ אַ ניי הויז.

די ציטירטע פאָרשריפטען לייגען זיך אפשר נישט אַזוי גרינג אויפן שכל, ס'איז אָבער פערפאַלען. זיי זענען געזעצען.

רעמאָנט

דעסטגלייכען האַנדלען אויך נישט פאָרשריפטליך די יעניגע לאָקאַטאָרען, וועלכע ווילענדיג צווינגען דעם ווירט, אַז ער זאָל דורכפיהרען ביי זיי אַ רעמאָנט, שטעלען גענצליך אָפּ דערווייל דאָס צאָהלען דירה-געלד.

אויב אַ ווירט ענטזאָגט זיך נאָך אַ געהעריגע אויפפאָדערונג צו רעפערירען אַ וואוינונג און דער לאָקאַטאָר וויל אויסאיבען אויף איהם אַ געוויסען דרוק, מעג ... איינהאַלטען בלויז אַ טייל פון דירה-געלד.

וואָס שייך דער גאַנצער סומע איז נאָר אין ... פאַל אַ לאָקאַטאָר בערעכטיגט איינצוהאַלטען, אויב ... פערנומענע וואוינונג איז בכלל געוואָרען נישט ... פעהיג.

געוויס נעהמט זיך דער אונגעדולד פון די לאָק... רען דערפון, וואָס אין דער וואוינונגס - אינספּע... פערשלעפּען זיך די ענינים צו לאַנג.

דאַרף מען דעריבער אויפמערקזאַם מאַכען די ב... פענדע לאָקאַטאָרען, אַז ווענדענדיג זיך אין דער ... כונגס - אינספּעקציע וועגען אַ געוויסער רעפּער... טאָרען זיי נישט וואַרטען ביז די וואוינונגס - אינ... ציע וועט צווינגען דעם ווירט די נויטיגע רעפּער... צו מאַכען אָדער זי וועט די רעפּעראַציע אויף זיין ... אַליין מאַכען.

דאָס איז אַ פערשלעפּטע קרענק און די שולד ... איז זעלטען אויף דער זייט פון דער אינספּעקציע.

ווייבאַלד אַ לאָקאַטאָר וויל, אַז אַ רעפּעראַציע אין ... וואוינונג זאָל ווי אַמשנעלסטען געמאַכט ווערען, מוז ... אַרויספאָדערען פון דער אינספּעקציע אַן'אַפּשריפט ... דעם וויזיע-פּראָטאָקאָל און אָפּהענגיג פון דער ... שטעלונג פון דער וואוינונגס - אינספּעקציע נאָך ... אויפפאָדערונג דורך אַ רעקאָמענדירטען בריף אַליין ... טרעטען די אָנגעוויזענע ריפּעראַציעס דורכצופיהר... אויפן חשבון פון ווירט.

אַזוי דאַרף האַנדלען אַ לאָקאַטאָר פון אַ וואוי... אַ לאָקאַטאָר פון אַ געשעפט - לאָקאַל, נויטיגענדיג ... אין אַ רעמאָנט, וואָס לויטן געזעץ פערפליכטעט ע... ווירט, מוז זיך גלייך ווענדען אין געריכט נאָך אַ ... העריגער אויפפאָדערונג פון אַ רעקאָמענדירטען בר...

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

איבער-שעהען

אַ פערגיטיגונג פאַר אַרבייט און די איבער-שעה'ן צוזאַמען מיט אַלע געזעצליכע פעסטגעשטעלטע צושלאַגען (25 פּראָצענט פאַר די ערשטע צוויי שעה און 50 פּראָצ. פאַר די ווייטערדיגע שעה'ן) קומט אַן'אַרבייטער אַפילו, ווען ער אַרבייט אויף אַקאָרד.

פאַר אַרבייט אין די איבער-שעה'ן רעכענט זיך נישט בלויז די צייט, ווען דער אַרבייטער אַרבייט פאַקטיש, נאָר אַפילו אויך, ווען ער בלייבט בלויז איבער צו דער דיספּאָזיציע פון מייסטער, אָדער אונטערנעהמער, מעג מען איהם גראָד צו קיין אַרבייט נישט האָבען בענוצט.

גייסטיגער אַרבייטער

אַ מאַניפּולאַנט ווערט אָנערקענט אַלס גייסטיגער אַרבייטער.

אורלויב

אַן'אונטערנעהמער איז נישט פערפליכטעט נאָכצוקומען דעם פערלאַנג פון אַרבייטער, וועלכער דריקט אויס די גרייטקייט דורכצואַרבייטען די אורלויב-צייט פאַר אַ געהעריגער פערגיטיגונג.

קוים לייגט אָבער דער אונטערנעהמער פאַר דעם אַרבייטער דורכצואַרבייטען דעם אורלויב און ער וועט דערפאַר בעפרידיגט ווערען איז דער אונטערנעהמער מחויב דעם צוזאָג צו האַלטען.

קינדיגונג

אויב אַן'אַרבייטער וויל בפירוש נישט אויסבעסערען די אָנגעוויזענע דורכן מייסטער פעהלערן, וואָס שייך דער טעכנישער זייט פון דער אויספיהרענדער אַרבייט איז פערהאַן אַ גרונד איהם צו קינדיגען.

גרונט דירה - געלד

אַן'איינערליכע איינריכטונג וואָס אַ ווירט האָט דורכגעפיהרט אין אַ פערדונגענע דירה. לויטן געזעץ אָרער פעראָרדנונג פון דער מאַכט, הגם זי מאַכט די דירה בעקוועמער און בעסער גיט זי נישט קיין גרונט פאַר קיין העכערונג פון דירה-געלד און ממילא אויך נישט פאַר קיין איבערשאַצונגען פון איינמאָל שוין פעסטגעשטעלטע גרונט דירה-געלד.

אַפּוועזענדליכע אורטיילען

אַפילו, ווען דער אַפּוועזענדליכער פּסק-דין אין אַ ציוויל-פּראָצעס ווערט אָפּגעשאַפט. מוז דעסטגלייכען די פּראָצעדוראַלע קאָסטען טראָגען דער איינגעקלאָגטער.

דער נייער ציוויל - פּראָצעדוראַלער קאָדעקס האָט די לאַגע פון אָנגעקלאָגטען בעדייטענד פערערגערט.

אויב לויט דער אַלטער פּראָצעדור האָט אַן'אָנגעקלאָגטער דערלאַנגענדיג אַן'אָפּאָזיציע אויף אַן'אַפּוועזנ... כען פּסק-דין. נישט געדאַרפט אָנגעבען קיין שום ... טיוועז, נאָר געקאָנט פערלאַנגען, אַז די געריכט-פער... לונג זאָל נאָכאַמאָל פאָרקומען. מוז איצט לויטן ... קאָדעקס פון דער ציוויל - פּראָצעדור דער, וואָס ... לאַנגט אַ אָפּאָזיציע געגען אַן'אַפּוועזענדליכען פּס... אין אַ ציוויל - פּראָצעס געכוי בעגרינדען זיינע ... געגען דער תביעה מיט בעווייזען און פאַקטען.

הכנסה - שטייער

די הכנסה פון ווייב, קינדער און פון איבעריגע ... בית ווערט בעשוועדט צוזאַמען מיט דער הכנסה ... פון דער פאַמיליע.

בכלל גייט דאָ וועגען אַזעלכע משפּחה מיטגלידער ... בני וואוינען צוזאַמען מיטן קאָפּ פון דער פאַמיליע ... טערן פון די פאַמיליע-מיטגלידער ענדערט נישט די ...

כדאַי נאָך צו בעמערקען אַז דער דערמאָהנטער ... מעסט איז נוגע דער הכנסה פון די משפּחה-מיטגל... וועלכע צאָהלען אַליין נישט קיין הכנסה - שטייער ... ליבן פאַסטען אָדער געפיהרט זעלבסטשטענדיגע ... נעהמונגען.

רעמאָנט

אַ לאָקאַטאָר האָט רעכט נאָך אַן'ערפאָלגלאָזע ... אַליין דורכצופיהרען אויפ'ן חשבון פון ווירט אין ... פערנומענער דירה געהעריגע רעפּעראַציעס. דער לאָק... מוז אָבער בעווייזען, אַז די רעפּעראַציעס זענען ... דינגנ נויטיג געווען, און אַז לויטן געזעץ איז אַ ... ווירט זיי מחויב דורכצופיהרען.

ה. אַקערמאַן

ער און זיינע פרויען

ראָמאַן פון יודישען לעבען

18

ער האָט אָנגעהויבען אַכטונג צו געבען אין הויז אין קרעטשמע. ער האָט שוין געקענט רעדען מיט אַ גוי, און נישט איינמאָל פלעגט זיך שוין אויף איהם דער קרעטשמער פערלאָזען און פלעגט איהם שיקען אין פעלד אַריין מיט גוים אַכטונג צו געבען ווי זיי אַקערען, ווי זיי זייען.

נתן האָט שוין כמעט געפיהרט דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט, און איצטער איז שוין דער קרעטשמער געווען דער, וואָס פלעגט איהם דערמאָנען:

נתן, האָסט שוין נישט אַריינגעקוקט לאַנג אין אַ ספר.

אָבער נתן פלעגט איהם ענטפערען:

— פעטער, זאָרגט אייך נישט. איך וועל שוין נישט פערגעסען וואָס איך קען.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען וואָכען און חדשים און נתן מיט זיין ווייב בהיה'ן האָבען געפיהרט אַ רוהיג, שטיל לעבען. זי איז איהם געווען געטריי און האָט איהם ליב געהאַט, און ער איז איהר אויך געווען איבערגעגעבען.

אָבער, ליבע לעזער, קיין מענש קאָן נישט אַנטלויפען פון זיין מזל, אַזוי ווי מען קאָן נישט אַנטלויפען פון דעם אייגענעם שאָטען, און נתנ'ען האָט זיין מזל אויך פערפאָלגט.

נתן האָט שוין אפשר פערגעסען, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ סערקע, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט צו טון מיט אַ ראַכעל. מיר געדענקען עס אָבער, און דער גורל. וואָס האָט נתנ'ען פערפאָלגט זיין גאַנץ לעבען, האָט עס אויך נישט פערגעסען...

נאָך דעם ווי דער ליפנער קצב האָט אין יענער געגענדיגער נאַכט געטראָפען זיין ווייב ראַכילען צוזאַמען מיט נתנ'ען איז דאָרטען אין הויז געוו'שען איהם מיט זיין ווייב געוואָרען אַן'איבערקעהרעניש. ער האָט זי דעם צווייטען טאָג געשלעפּט צום רב גט'ן און דאָס גאַנצע שטעטעל איז געגאַנגען כאָדאָם. מענשען האָבען זיך אַריינגעלייגט אין שלום, און זי, ראַכעל, האָט אויך געטענה'ט און געוויינט ביים רב, אַז זי איז נישט שולדיג געווען; אַז זי איז פערפיהרט געוואָרען פון נתנ'ען. זי האָט אויף איהם אַרויסגעוואָרפען די שולד, אַז ער האָט זיך צו איהר אַריינגעגנב'עט. און אין שטעטעל האָט מען שוין אָנגעהויבען רעדען, אַז נישט אומזיסט איז סערקע פון איהם אַנטלאָפען. מען האָט אַזוי לאַנג גערעדט איבער דעם קצב, און ליב געהאַט רעכע'לען האָט ער דאָך אויך, האָט ער איהר מוחל געווען, און עס איז געוואָרען אויס גט. עס איז אוועקגעגאַנגען אַ האַלב יאָהר, אַ יאָהר...

אָבער רוהיג איז שוין דער קצב נישט געווען. דער קאָפּ זיינער איז איהם שוין נאָך דעם נישט געלעגען ביי דער יאַטקע, און ער האָט שוין גאָרנישט געקאָנט טון. עס האָט זיך איהם אָנגעהויבען אויסזעהען זיין געלד און ער האָט געזעהען, אַז ער געהט צו גרונט האָט ער גענומען זיין ווייב ראַכעל'ן און זיי האָבען זיך איבערגעקליבען אין אַן'אַנדער שטעטעל, ווייט, וואו קיינער קען זיי נישט און זיי קיינעם אויך נישט.

אין יענעם שטעטעל האָט ער זיך אויך אויפגעמאַכט אַ יאַטקע אָבער ווי אַמאָל פלעגט ער איצט אויך פאָהרען אויף יאַרידען איינצוקויפען אָקסען. ויהי היום... און וואו אַ „ויהי", זאָגט מען דאָך, איז אַ צרה. פאָהרט אַזוי דער קצב אין אַ ווינטערדיגער נאַכט און ער איילט אויפ'ן יארמעליניצער יאַריד. אין דרויסען איז געווען אַ זאַווערוכע, און אַ דונט איז געווען אַן'עבירה אַרויסצולאָזען אויפ'ן וועג. עס איז געווען אַ שרעקליכער פראָסט און דער ווינט האָט געבלאָזען ווי מיט שופרות.

אין קרעטשמע וואו נתן איז געזעסען אַן'איידעם אויף קעסט איז געווען יאַרעם, אַ מחיה, די שטוב איז געווען בעלויכטען מיט אַ ציועלפער בליךלאָמפּ. דער פראָסט אויף די שויבען האָט געמאָלען אַלערליי אוזאָרען.

דער קצב איז דורכגעפאָהרען יענע קרעטשמע און ער איז אַריינגעגאַנגען אַביסעל אָנוואַרמען, טרינקען אַ גלעזעל טיי און פאָהרען ווייטער. ער האָט פאַרטאָג געמוזט אָנקומען קיין יאַרמעלינעץ.

ווען דער קצב איז אַריינגעקומען אין קרעטשמע איז איהם אַנטקעגענגעגאַנגען דער קרעטשמער, און זיי האָבען זיך ביידע צושמועסט. ביי אַ טישעל נעבען דער הרובע איז געזעסען נתן מיט זיין ווייב.

ווען דער קצב האָט געכאַפּט אַ קוק אויף יענעם טישעל און ער האָט דערזעהען נתנ'ען איז ער געוואָרען אומרוהיג און ער וואָלט געוואָלט געוואוסט, צי עס איז ער, נתן. ער איז אָבער ביי זיך נישט געווען זיכער.

ער וואָלט געקאָנט שווערען, אַז עס איז ער, און אפשר נישט. אָבער איינזיצען אין קרעטשמע האָט ער שוין נישט געקאָנט. ער האָט אויף ... אָפּגעטרונקען דאָס גלעזעל טיי און איז אוו... פאָהרען זיין וועג.

נאָכ'ן יריד, ווען דער קצב איז געקומען ... זיך אַהיים, האָט עס איהם נישט געלאָזט ... ער האָט קיין אַרבייט נישט געקאָנט טון ... האָט נישט געקאָנט שלאָפען. ווען ער האָט ... געקומען אויף זיין ווייב האָט ער זיך דערמאָ... נתנ'ען. און דאָס האָט איהם נישט געלאָזט צו...

און וואָס עס יועט זיין וועט זיין, ... ביי זיך דער קצב, און ער לאָזט זיך אוועק ... יענעם וועג. וואו יענע קרעטשמע איז געשטאַנ...

צו דער קרעטשמע איז ער צוגעפאָהרע... טאָג, און אַריינקומענדיג אין קרעטשמע איז ... נישט בעוואוסט אַהוץ נתנ'ען.

בעגעגענענדיג זיך מיט נתנ'ען פנים אל ... איז שוין ביים קצב איצטער קלאָר געווען ... טאָג, אַז דאָס איז ער — נתן — און ער ... זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען שלאָגען.

אַנשטאָט נתן זאָל זיך מיט איהם געווען ... גען און איהם צוזייקגעבען האָט ער זיך ... געריסען פון זיינע הענד און איז זיך אַריין ... צימער. דאָרטען האָט ער שנעל אַ כאַפּ ... זיין פעושאַק (אַ מאַנטעל) און איז אַנטלאָפען ... אַ פענסטער פון שטוב.

אויף די קולות וואָס דער קצב האָט אָנגע... זענען זיך צוזאַמענגעלאָפען דער קרעטשמע... זיין ווייב — און בתיה, וועלכע איז שוין ... געווען אין זיבעטען חודש, און דערשראָקע... בען זיי זיך אָנגעהויבען אַ-ומצוקוקען וואָס ... זיך אין שטוב.

— וואָס איז געשעהן ?

(פאָרטזעצונג קומט.)

ניי־ער פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

ניי־ער פאָלקסבלאַט

אַרייַנגעטראָגען די ערשטע קאַנדידאַטען־ליסטע צו די שטאָטראַט־וואַהלען אין לאָדז

דייטשער פאָלקס־פערבאַנד" בעקומען דעם וואַהל־נומער 1. — געשאַפען אַ נאַציאָנאַל־קריסטליכען אַרבייטער־פראָנט צו די וואַהלען. — ענדעקעס און פ.פ.ס. טראָגען היינט אַרייַן זייערע קאַנדידאַטען־ליסטעס. — די לעבהאַפטע פאַר־וואַהל־אַגיטאַציע

(א) אין דער הויפּט־וואַהל־קאָמיסיע זענען אַרייַנגעטראָגען געוואָרען די ערשטע קאַנדידאַטען־ליסטעס.

פאַר אַלעמען האָט זיך מקדים געווען דער דייטשער פאָלקס־פערבאַנד". דער דאָזיגער וואַהל־קאָמיטעט האָט אַרייַנגעטראָגען קאַנדידאַטען־ליסטעס אין 8 וואַהל־קרייזען, אַלזאָ, אין אַלע וואַהל־קרייזען, אַחוץ אין צווייטען און 9־טען קרייז. נעכטען איז אַרייַנגעטראָגען געוואָרען אַ צוגאָב־ליסטע אויך פאַר'ן 2־טען קרייז, אין הסכם מיט די פאַרפליכטענדע בעשטימונגען בעקומט די דאָזיגע ליסטע דעם נומער 1.

היינט האָבען אָנגעקינדיגט דאָס אַרייַנטראָגען זייערע קאַנדידאַטען - ליסטעס דער נאַציאָנאַלער קריסטליכער (כ. ד.) וואַהל־פראָנט און יואַהרשיינליך, אויך דער ענדעקישער וואַהל־קאָמיטעט. אויך פ. פ. ס. און די קלאַסען־פעראיינען זאָלען היינט דער לאַנגען זייערע קאַנדידאַטען־ליסטעס.

די דאָזיגע קאַנדידאַטען־ליסטעס וועלען בעקומען נומערען לויט'ן סדר, ווי זיי וועלען אַרייַנגעטראָגען ווערען.

* * *

די פוילישע און קריסטליכע פעראיינען פון אַרבייטער, האַנדווערקער און אַנגעשטעלטע אין לאָדז האָבען זיך צו די וואַהלען פעראייניגט אין אַ בשותּפות'דיגען נאַציאָנאַל־קריסטליכען אַרבייטער־וואַהל - פראָנט.

לויט די נאַציאָנאַל־קריסטליכע קרייזען זאָל די דאָזיגע פעראייניגונג האָבען אַ וויכטיגע בעדייטונג פאַר דער וואַהל־סיטואַציע אין לאָדז, דער נאַציאָנאַל־קריסטליכער אַרבייטער־פראָנט טרעט צו צו די וואַהלען אונטערן לאָזונג פון פּאָזיטיווער אַרבייט לטובת דער שטאָט, זעלבסטפערוואַלטונג און אַלע אַרבייטענדע שיכטען.

דער דאָזיגער „פראָנט" וועט היינט אַרייַנטראָגען קאַנדידאַטען־ליסטעס פאַר אַלע וואַהל־קרייזען.

* * *

אויך היינט, זונטאָג, זענען אין לאָדז אָנגעקינדיגט 28 פערשידענע פאַר־וואַהל־פערזאַמלונגען און מיטינגען, אָרגאַניזירטע דורך די בעזונדערע וואַהל־קאָמיטעטען, די פערזאַמלונגען און מיטינגען ווערען איינגעאָרדענט אין געשלאָסענע לאָקאַלען. גרעסערע וואַהל־מיטינגען אונטערן פרייען הימעל זענען דורך דער מאַכט נישט אָנגעמאָלדען געוואָרען.

די פאַר־וואַהל־אַגיטאַציע פערשטאַרקט זיך איינציגווייז. ספּעציעל אַרבייטען אינטענסיוו די ענדעקעס, וועלכע שיקען אַרויס ספּעציעלע אַגיטאַטאָרען מיט בראָשורען צו די בעזונדערע סימפּאַטיקער.

וואָס עס איז שייך דער פ. פ. ס. און די קלאַסען־פעראיינען, פיהרען זיי די וואַהל־אַגיטאַציע אין די פאַבריקען, וואו זיי אָרגאַניזירען פאַר־וואַהל - מיטינגען.

דינסטאָג ווערט געוועהלט אַ וואַהל־קאָמיסיע

אַדורכצופיהרען די וואַהלען צו דער ניי־ער לאָדזער קהלה

ווי מיר האָבען שוין געשריבען וועלען די וואַהלען צו דער לאָדזער קהלה פאָרקומען אין פערלויף פון חודש נאָוועמבער.

וואָס שייך דעם גענויעם טאָג קומען אין בעטראַכט נאָר 2 טעג דעם 15 אָדער 22־טען נאָוועמבער, אין איינעם פון די דאָזיגע 2 טעג וועלען די וואַהלען זיכער פאָרקומען, די פעראָרדנונג וועגען טאָג פון די וואַהלען וועט ערשיינען שפּעטסטענס ביז דעם היינטיגען מיטוואָך.

היות אָבער ווי די קאַנדענץ פון דער איצטיגער קהלה־פערוואַלטונג ענדיגט זיך דינסטאָג, דעם 1 סעפּטעמבער, איז די קהלה מחויב, לויט די פערפליכטענדע פאַרשריפטען אָנצוהויבען די אַרבייט צו די נייע וואַהלען, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער פּרעזעס פון דער קהלה־פערוואַלטונג דר. מינצבערג בעשלאָסען צו רופען אַ זיצונג פון דער קהלה־פערוואַלטונג אויף איבערמאָרגען דינסטאָג, די טאָג־אָרדנונג פון דער דאָזיגער אויסערגעוועהנליכער זיצונג ענטהאַלט נאָר איין פּונקט: בעשטימען אַ וואַהל־קאָמיסיע, וועמענס אויפגאַבע ס'איז אַדורכצופיהרען די וואַהלען צו דעם נייעם קהלה־ראַט. די וואַהל־קאָמיסיע וועט בעשטעהען פון 16 פערזאָן, דערפון מוזען 5 זיין מיטגלידער פון דער קהלה - פערוואַלטונג און 11 אויסער דער קהלה - פערוואַלטונג. צווישען די 11 מיטגלידער אין דער וואַהל־קאָמיסיע קענען געהערען צום קהלה־ראַט און קענען אויך זיין סתם בירגער אויסערן קהלה־ראַט. אַזוי אַרום הויבט שוין אָן פון דינסטאָג אָן צו לויפען דער וואַהל־קאַלענדאַר צו דער ניי־ער לאָדזער קהלה.

געוועזענע אָפּטיילונג פון דער וואָלגער־קאַמער־האַנדעלס־באַנק אין לאָדז

מאַהנט אויף די פאַר־מלחמה'דיגע חובות ביי די לאָדזער פירמען

(אג) אין לאָדזער קרייז־געריכט איז די טעג פאָרגעקומען אַ זעהר אינטערעסאַנטער פּראָצעס פון דעם ליקווידאַטאָר פון פערמעגען פון דער געוועזענער רוסישער וואָלגאַ־קאַמער האַנדעלס־באַנק געגען אַ לאָדזער פירמע.

די פּראַאינטערעסירונג פון די אינדוסטריעלער קרייזען מיט'ן דאָזיגען פּראָצעס איז אַרויסגערופען געוואָרען אין דער ערשטער רייהע צוליב זיין פּרעצעדענס כאַראַקטער ד. ה., אַז זיין אויסגאַנג קען ווערען ענטשיידענד פאַר זעהר אַ סך ענליכע פּראָצעסען אין לאָדז.

די וואָלגאַ־קאַמער האַנדעלס־באַנק האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ אָפּטיילונג אין לאָדז, מיט וועלכע עס האָבען צוזאַמענגעאַרבייט אַ סך לאָדזער פירמען. די דאָזיגע פירמען האָבען געהאַט אין דער דאָזיגער באַנק לויפענדע רעכנונגען אויף וועקסלען. וועגען די סאַלדאָס פון די דאָזיגע רעכנונגען טרעט איצט אַרויס דער ליקווידאַטאָר פון דער באַנק געגען די לאָדזער פירמען.

דער ענין האָט אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער ווייל דער אויסצוג פון די חובות, וואָס די באַנק האָט געהאַט ביי די לאָדזער פירמען, און וועלכער איז געמאַכט געוואָרען אויף דעם ערשטען יאַנואַר 1919 ענטהאַלט אַ ליסטע פון 150 לאָדזער פירמען דערונטער אַזעלכע פירמען שייבלער, היינצעל, „ווידזעווער מאַנופאַקטור", קעניג, בידערמאַן א. א. וו. דער איינציגער זאַכליכער בעווייז, אויף וועלכען עס שטיצט זיך דער פאַרשטעהער פון דער געוו. לאָדזער אָפּטיילונג פון דער וואָלגאַ־קאַמער האַנדעלס־באַנק איז אַ אויסצוג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין 1918 און טראָגט אויסשליסליך דעם כאַראַקטער פון פּריוואַט נאָטיצען. די באַנק האָט נישט די מעגליכקייט צוצושטעלען קיין שום האַנדעלס־ביכער, וועלכע זענען צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פערמעגען פון דער באַנק נאַציאָנאַליזירט געוואָרען דורך די באָלשעוויקעס אין יאָהר 1918.

עס דאַרף נאָך צוגעגעבען ווערען, אַז די הלוואות, וואָס די באַנק האָט ערטיילט די לאָדזער פירמען זענען געגעבען געוואָרען אונטער דער פערזיכערונג פון ווערט־פּאַפּירען. אין דעם איצטיגען פּראָצעס אין וועלכען די באַנק טרעט אַרויס געגען אַ לאָדזער פירמע פאָדערט זי מען זאָל איהר צומשפּטן דעם חוב, זי פערפליכטעט זיך אָבער נישט אַרויסצוגעבען די ווערטפּאַפּירען, וואָס האָבען געדינט אַלס משכּון פאַר דער הלוואה. די דאָזיגע פּאַפּירען האָט אָבער שוין די באַנק נישט.

דאָס וויכטיגסטע פּראָבלעם אין דעם פּראָצעס איז אָבער די פראַגע אויף ווי הויך זאָל איבערגערעכנט ווערען דער חוב פון דער באַנק. דער פאַרשטעהער פון דער באַנק פאָדערט, אַז די איבעררעכנונג אין די גרעניצען פון 10 פּראָצענט. דאַגעגען דער פערטרעטער פון דער לאָדזער פירמע שטעהט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אויב דער חוב זאָל בכלל פאַר דער באַנק צוגעמשפּט ווערען דאַרף ער דאַן איבערגערעכנט ווערען אין הסכם מיט דער וואַלאָריזאַציע־פעראָרדנונג אין דער הויך פון 1,800,000 פּוילישע מאַרק פאַר 1 זלאָטע. ווען דאָס לאָדזער געריכט זאָל מסכּים זיין צו דעם שטאַנדפּונקט, וואָלט עס אין בעסטען פאַל צוגעמשפּט לטובת דעם ליקווידאַטאָר פון דער באַנק סומען קלענערע פון איין גראָשען.

פערמשפּט אַנ'ענדעקישע באָיובקע

(—) אין שטאָטישען געריכט איז פאָרענדיגט געוואָרען דער פּראָצעס געגען די 10 מיטגלידער פון דער ענדעקישער באָיובקע, וועלכע האָט דעם 19. יולי ד. י. אין דער שפּיץ פון געוו. ראַטמאַן בעלקאַ זיך אַרייַנגעריסען אויף דער סטרוזשעס פערזאַמלונג אין „דאָם לודאָווי" און דאָרט אַרויסגערופען א בלוטיגע געשלעג.

די פערהאַנדלונגען אין ערשטען טערמין זענען איבערגעריסען געוואָרען צוליב דעם וואָס די אַדוואָקאַטען פון די פערטיידיגונג האָבען געפאָדערט אַרויסצורופען צוויי עדות, וועלכע האָבען זיך נישט געשטעלט. דאַסמאָל זענען די עדות אויס געהערט געוואָרען, אָבער קיין נייעס האָבען זיי אין'ם פּראָצעס נישט אַרייַנגעטראָגען.

נאָך די רעדעס פון פּראָקוראָר און פערטיידיגער זענען מאַסקאָווסקי און יואַצלאָוו רענדי פערמשפּט געוואָרען צו 6 חדשים יעדער; אויך דער 17־יעהריגער וואַיטישיאַק איז פערמשפּט געוואָרען אויף 6 חדשים, דערביי איז דאָס אויספיהרען די שטראָף אָפּגעלעגט געוואָרען אויף 3 יאָהר, דער 16־יעהריגער מאַריאַן וויטשאַק איז פערמשפּט געוואָרען מיט א שאַרפען וואָרנונג, די איבריגע אָנגעקלאָגטע זענען אָנערקענט געוואָרען פאַר אומשולדיג.

Dr. med. H. LUBICZ

צוריקגעקעהרט

ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקהייטען

צעגלאַניאַנאַ 7 (פריהער 43), טעלעפאָן 141-32

עמפּפאַנגס־שעה'ן 10-8, 12-2 און 8-5 אָוונט

טעאַטער „ראַזמאַיטאַשטשי" דיר. דוד צעלמייסטער

לעצטע 3 טעג פון די נאַכשפּילען פון לעצטע 3 טעג

פּסח'קע בורשטיין

מיט'ן אָנטייל פון נאַדיאַ קאַרעני און יעקב פישער

היינט, זונטאָג, 4.15 נאָכמיטאָג צו רעדוצירטע פּרייזען און 9.15 אָוונט

לעצטע אין שטאַרקסטע אויפפיהרונג **מאָטעל איז גן־עדן**

מיט אַ געקליבענעם אַנסאַמבל. דיר.: דוד ביינעלמאַן.

היינט 12 פריה לעצטער און גרעסטער פריהמאָרגן דער גאַנצער פּאַרטער 1 זל

ס'ווערט געגעבען צום לעצטען מאָל **„אַ חתונה אין שטעטעל"**

דינסטאָג, דעם 1 סעפּטעמבער געזעגענט זיך בורשטיין מיט לאָדז

וואָס??? לייענט דעם מאָרגענדיגען אַנאָנסען. וואָס???

בילעטען שוין צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער

זונטאָג, 30 י"ב אלול תרצו

אויגוסט

זון־אונטערגאַנג 6.22

זון־אויפגאַנג 5.15

קיין ארץ־ישראל

גרופּענווייז און אינדיווידועל.

ביליגע פּרייזען. גוטע בעדינגונגען.

פּינקטליכע בעהאַנדלונג.

אויספלוג קיין **יוגאָסלאַוויען און אונגאַרן**

אויסלענדישע הנחה־און קורציע־פּעסער.

פאַרשטעהערשאַפט פון „אינטוריסט"

אויספלוגען און רייזעס קיין רוסלאַנד.

ברענגען קרובים פון רוסלאַנד קיין פּוילען

אינפאָרמאַציעס ערטיילט

דאָס יודישע רייזע־ביוראָ

Union Lloyd

Piotrkowska 42, tel. 107-87.

פאַרשטעהערשאַפט פון „אינטוריסט"

נעמט אָן דאָס איבערשיקען

פּעקלעך קיין ז. ס. ר. ר.

אויף 280 בעאַמטע האָבען זיך 10 פערשפּעטיגט צו דער אַרבייט

אינספּעקציע פון וואָיעוואָדע אין מאַגיסטראַט

פרייטאָג אינדערפריה צווישען 8 און 8 מיט 45 מינוט האָט דער וואָיעוואָדע האַוקע־נאָוואַק אַדורכגעפיהרט אַן אינספּעקציע פון די ביוראָען אין דער שטאָט־פערוואַלטונג, וועלכע געפינען זיך אויף פּל. וואָלנאָשטשי 14, קאָנטראָלירענדיג צי די בעאַמטע קומען פּינקטליך צו דער אַרבייט ווי אויך טעכניק פון ערלעדיגען אונטערעסאַנטען.

אויף דער אַלגעמיינער צאָהל 280 בעאַמטע האָבען זיך ביז 25 מינוט פערשפּעטיגט 10 פּערזאָן, די רעשט בעאַמטע האָט דער וואָיעוואָדע געטראָפען ביי דער אַרבייט.

דער וואָיעוואָדע האָט אויך בעאויפטראַגט צו בעזייטיגען די פעהלערן אין דער טעכניק פון ערלעדיגען אינטערעסאַנטען.

רעגיסטראַציע פון יאָהרגאַנג 1918

פון 1־טען ביז 30 סעפּטעמבער קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער מיליטער־אָפּטיילונג אויף פּיעטריקאָווער 165 די רעגיסטראַציע פון די יונגעליים, וועלכע זענען געבוירען אין יאָהר 1918.

צוגאָב־פּאָבאָר

(א) די צוגאָב־פּאָבאָר־קאָמיסיע פאַר פ. ק. או לאָדז שטאָט „איינס" וועט אַמטירען דעם 15־טען סעפּטעמבער ד. י. אין לאָקאַל פּיעטריקאָווער 165.

צום צוגאָב־פּאָבאָר דאַרפען זיך צושטעלען אַלע מאַנסבילען, וואָס זענען געבוירען אין יאָהר 1915 און עלטערע, וועלכע האָבען ביז איצט נישט רעגולירט זייער בעציהונג צום מיליטער־דינסט, וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 8, 9 און 11. קאָמיסאַריאַטען און האָבען בעקומען נאָמענטליכע רוף־צעטלען פון דער שטאָטישער סטאַראָסטווע.

אַפּטייקען.

היינטיגע נאַכט־דיזשורען

(א) היינט ביינאַכט דיזשורירען: סאַראָווסקאַ־יאַנצער (זגערזשער 57), וו. טראָשקאָווסקי (11־טער ליסטאָפּאַד 15); מ. קאַרלין (פּילסודסקיעגאָ 54), ה. רעמבעלינסקי (אַנדזשעיאַ 28), י. כאַנדישינסקי (פּיעטריקאָווער 165), ע. מילער (פּעטריקאָווער 45), נ. אַנטאָנעוויטש (פּאַביאַניצער 56).

Dr. Wołkowyski

ציגעל־גאַס 11, טעל. 238-02

ספּעצ. פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט־קראַנקה.

בעהאַנדלונג פון מענער־שוועכע

נעמט אָן פון 8—11 בייטאָג און 4—9 אָוונט

צוריקגעקעהרט.

אפּקלאַנגען פון דער אויטאָ־קאַטאַסטראָפע הינטער סאָכאַטשאָוו

געשטאָרבן דער צווייטער קרבן פון דער טראַגישער פּאַסירונג

(—) ווי מיר האָבן שוין די פאַרגאַנגענע וואָך געשריבן, איז הינטער סאָכאַטשאָוו פאָרגעקומען אַ שווערע אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט על פּי צופאַל געקאָסט דאָס לעבן נאָר פון צוויי פערזאָן.

פרייטאָג איז אין סאָכאַטשאָווער שפּיטאָל געשטאָרבן דער שאָפער פון אויטאָ, קאַזשימיעזש שילטשאַק. דער טויטער קערפּער פון שאָפער איז געבראַכט געוואָרן קיין לאָדז און נעכטן איז פאָרגעקומען זיין לויה.

מען האָט אויך געבראַכט קיין לאָדז דעם שווער־פאַרוואונדעטן יעקב בריטשקאָווסקי, וועלכער איז איבערגעפירט געוואָרן אין וואָנגעלישען שפּיטאָל. הגם בריטשקאָווסקי האָט שוין צוריק געוואונען דאָס בעוואוסטזיין, איז זיין צושטאַנד נאָך זעהר געפערליך.

פרייטאָג פאַרנאַכט איז פון טהרה־הויז פון לאָדזער בית־עולם פאָרגעקומען די לויה פון צווייטען קרבן פון דער טראַגישער אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, דוד הערש קאַרטשמאַר.

אין שייכות מיט דער דאָזיגער שרעקליכער געשעהעניש געהען אַרום אין שטאָט פאַרשידענע נישט קאָנטראָלירטע קלאַנגען, אַז דער טראַגיש - אומגעקומענער דוד הערש קאַרטשמאַר איז געווען בגופין און מחמת דעם שכורן צושטאַנד איז אַרויסגערופען געוואָרן די אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט על פּי טראַף געקאָסט דאָס לעבן בלויז פון די אויסגערעכנטע קרבנות.

פאַר'ן וועלט־קאָנגרעס פאַר שלום

מעמאָריאַל פון 73 לאָדזער דאָקטויר'ס וועגען דער וויכטיגער אַקציע

דעם 9 סעפּטעמבער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ מעמאָריאַל פון 73 אָנגעזעהענע לאָדזער דאָקטוירים צום בעקאַנטען פּוילישען שריפטשטעלער אַנדזשעי סטרוג, אַלס דעם פאָרשטעהער פון דער ליגע צו פאַרטיידיגען די רעכט פון מענש און בירגער אין פּוילען. די אַקציע פון די לאָדזער דאָקטוירים האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין דער לאָדזער געזעלשאַפטליכקייט. אינם אָנגעוויזענעם מעמאָריאַל איז אָנגעוויזען געוואָרן, אַז אויך אונזער אינטעליגענץ האָט צוזאַמען מיט די אַרבייטענדע מאַסען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער אומצעהליג־גרויסער מאַסע, וואָס קעמפט פאַרן שלום.

עס איז אָקצענטירט געוואָרן, אַז אין יעדן מאָמענט קאָן אויסברעכען אַ וועלט־קריג, וועלכער איז עלול אומצוברענגען נייע מיליאָנען מענשען און צו פאַרניכטען זייערע קולטורעלע דערגרייכונגען.

אין אַנגעזיכט פון דער דראָהענדער געפאַהר פאַר אַ נייער וועלט־שחיטה, האָבן די בעריהמטע פּערזענליכקייטען אין דער וועלט, ווי לאָרד ראָבערט סעסיל, ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, ראָמען ראָלאַן, פּראָפעסאָר לאַנזשעווען, אַנדזשעי סטרוג א. א. אויפ'ן 4. סעפּטעמבער ד. י. צונויפגערופען אַ וועלט־קאָנגרעס פון שלום.

אין אַלע שטעט פון פּוילען זענען פאַרגעקומען פאַרזאַמלונגען פון די אַלע, וועלכע עס איז נאָהענט צום האַרצען די פראַגע פון שלום און ענטשיידענע געגנער פון ברידער־מאָרדען. אין וואַרשע, לעמבערג, זאַגלעמביע און אַנדערע שטעט זענען אויסגעוועהלט געוואָרן קאָמיטעטען פאַר'ן שלום. אויך לאָדז שטעהט נישט אָפּ אין דער הינזיכט.

* * *

שלום־פאַרזאַמלונג פון לאָדזער דאָקטוירים

מאָנטאָג, דעם 31. אויגוסט וועט אין לאָקאַל פון דער דאָקטוירים־קאַמער, פּיעטרקאָווסקאַ 9 פאָרקומען אַ דאָקטוירים־פאַרזאַמלונג געווידמעט דער פראַגע פון וועלט־קאָנגרעס פון שלום, וועלכער וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אין בריסעל דעם 4־טען סעפּטעמבער. אויף דער פאַרזאַמלונג וועט אויסגעוועהלט ווערען אַ דעלעגאַט צום שלום־קאָנגרעס.

די שטרייק־בעוועגונג

מכח א קאָלעקטיווע אָפּמאַך אין דער מעטאַל־אינדוסטריע

(א) אין אַרבייטס־אינספּעקטאָריאַט איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ מיט די פאָרשטעהער פון די מעטאַל־צעכען, די זיצונג איז געווען געווידמעט דער פראַגע וועגן שליסען אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך אין דער מעטאַל־אינדוסטריע.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן געשלאָסען אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך מיט די אינדוסטריעלער. דאַגעגען די צעכען ווילען דעם דאָזיגען אָפּמאַך נישט אונטערשרייבען אונטערן תירוץ, אַז דער סטאַטוט פון צעך ערלויבט נישט אונטערצושרייבען קאָלעקטיווע אָפּמאַכן.

צוליב דער שטעלונג פון די צעכען, וועט היינט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די אַרבייטער אין די מעכאַנישע מעטאַל־ווערקשטעלען, עס וועט בעריהרט ווערען די סיטואַציע אין דער אינדוסטריע. ס'איז נישט אויסגעשלאָסען, ס'זאָל אָנגענומען ווערען אַ בעשלוס צו פאַרשטרייקען אין די נאָהענטסטע טעג.

* * *

(א) די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון דער האַלץ־אינדוסטריע האָבן אין אָנהויב אויגוסט אַרויסגערוקט די פאָדערונג וועגן שליסען אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך אויף די אַלגעמיין־פאַרפּליכטענדע יסודות. די דאָזיגע פאָדערונג איז דורך די אינדוסטריעלער ביז איצט נישט גענומען געוואָרן אין באַכט, צוליב וואָס די אַרבייטער האָבן אויף היינט צוזאַמענגערופען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, וועלכע דאַרף זיך אַרויסזאָגען וועגן עווענטועלען שטרייק.

מעגליכקייט פון א טראַמוויי־שטרייק אין לאָדז

(א) אין פאַראיין פון די לאָדזער טראַמוויי־אָנגעשטעלטע איז נעכטען פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די אָנגעשטעלטע אויף די היגע און אינטערשטאָטישע טראַמווייען. דערביי זענען בעריהרט געוואָרן די פראַגען וועגן רעגולירען דעם ענין פון אוואַנסען, אורלויבען, לוינען א.אַ.וו. בעת דער דיסקוסיע איז אָנגעוויזען געוואָרן, אַז נאָך די מעהרערע קאָנפערענצען מיט דער טראַמוויי־דירעקציע, האָט די לעצטע נישט בעוויליגט צו געבען קיין ענטפער. לסוף איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט אונבעדינגט צו אָנערקענען די אַרויסגערוקטע פאָדערונגען, אין געגענפאַל וועלען די טראַמוויי־אָנגעשטעלטע פאַרשטרייקען.

אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע וועט די רעזאָלוציע איבערגעבען דער וואָיעוואָדזשטווע, דער שטאָט פאַרוואַלטונג און אַרבייטס־אינספּעקטאָר.

שטאָט־טעאַטער
שרודמיעסקאַ 15
טעלעפאָן 101-16

לעצטע 3 טעג!
אידאַ קאַמינסקאַ
מיט איהר אַנסאַמבל.
היינט, זונטאָג, 12 אַ זייגער פאַרטאָג
פרייזען פון 40 גר. ביז 50
צום לעצטען מאָל
„מוטערשאַפט"

היינט, זונטאָג, 4.30 נאָכמיטאָג
צו ביליגע פרייזען
„שחיטה"
פון י. גאָרדין.

היינט, זונטאָג, 9.15 אָוונט
יהושע פּערלע'ס ראָמאַן
דראַמאַטיזירט פון אידאַ קאַמינסקאַ
נייע מענשען

אַכטונג!
דינסטאָג, דעם 1 סעפּטעמבער
לעצטע געזעגענונגס־פאָרשטעלונג
מאַדאַם X

בילעטען אין קאַסע פון טעאַטער.

א דייטשע פירמע פערפּלייצט לאָדז מיט גאַלאַנטעריע־אַרטיקלען

(אג) ווי מיר דערוויסען זיך ווערט לאָדזער גאַלאַנטעריע־מאַרק אין די לעצטע ... ממש פערפלייצט פון אַרטיקלען פון דער דייטשער פירמע שירער. די דאָזיגע אַרטיקלען פון גאַלאַנטעריע־צווייג (גאַרן צו האַנד־אַרבייט) ... צום טייל אַרויסגעשטויסען די לאָדזער פּראָדוקטען, אפילו די גרעסערע. אין איצטיגען מאָמענט ... 50 פּראָצענט פון גאַנצען געברויך פון גאַרן ... האַנד־אַרבייט אין לאָדז געדעקט פון דער דייטשער פירמע.

דער ערפאָלג פון דער דייטשער פירמע ... אַ רעזולטאַט פון קרעדיט־סיסטעם.

Dr. med.
[S]adokierski
כירורג פון צייהן און יאַסלעס
האָט זיך איבערצויגען אויף
[P]iotrkowska 56, tel. 129-77.

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווע 28, טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער - שוועכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פון פּסיכאָ - אַנאַליזע
נעמט אָן פון 8—11 פון 5—8 אָוונט.
זונטאָג און חגאות פון 9—12.

ר. מלאַך

דאָן־דאָמינגאָ

ראָמאַן

154

פון זיינעטוועגען האָט זי געמעגט נישט קומען, ער איז בעשטאַנען צו פאָהרען אין דער קאָלאָניע, וויל קיין צוריק־וועג איז נישטאָ געווען, אַז פון אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעהויבען, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אַז די גאַנצע וועלט איז געגען איהם איינעם אַליין. דערצו האָט איהם דער ליטוואַק גוט געגעבען צו פאַרשטיין, וואָס ס'וועט זיין סוף קאָפּ זיין, אַז ער וועט אַריינפאַלען צו די פעדעראַלען אין די הענד, אַז דעמאָלט וועט מען איהם אויסשמירען דאָס פּנים אין סמאָלע און אַראָפּלאָזען מיט אַ שטריק אויפ'ן האַלז אין ים אַריין, אַז טאָמער וועט ער קאַפּויער שווימען, זאָל מען אפילו זיין טויטען גוף נישט דערקענען.

דעמאָלט האָט דער סעניאָר קלמן איהם אביסעל אויסגעקליידט, געקויפט אַ בילעט ביז וואוהין ער האָט געדאַרפט.

ווען עטליכע יודען פון קוריטיבאַ, און צווישען זיי סעניאָר קלמן און גאָלדוואַרזשיוועצקי האָבן זיך געהאַט געזעגענט, איז דער ליטוואַק נאָכאַמאָל אַרויף אויפ'ן באַהן, עפּעס געוואָלט דאָניען זאָגען, נאָר האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט איהם אַ דריק געטאָן די האַנד און געפיהלט, אַז ער פאַרשיט דאָס לעצטע לאָפּאַטקעלע ערד איבער אַן אומפאַרשטענדליך קבר.

ראַניע האָט זיך דערשראָקען פאַר'ן דאָזיגען נפש. קודם דערפאַר, וואָס ער האָט זיך צופיל געדרייט אַרום איהם, געפאָרשט אין די אויגען. זיך אָפּגערוקט, נעלב געוואָרן און יוען ער איז שוין געווען אָפּגערוקט פון דער באַהן־סטאַציע אויף דעם וועג צו דער קאָלאָניע, איז יענער אויסגעוואַקסען, געגאַנגען עטליכע שפאַן מיט איהם, נאָהענט טריט ביי טריט און — זיך ענדליך אַוועקגעדרייט און פאַרשוואונדען געוואָרן.

דאָניע האָט נישט געפיהלט, אַז דאָס וואָס ... ער די גאַנצע צייט נאָכגעשפּיאָנירט און געהיט. אפילו ווען ער איז געזען אין „נאָווא פּאָלאָניאַ", אין קוריטיבאַ, זענען אויף איהם געהאָנגען די אויגען פון דער פעדעראַלער געהיים־פּאָליציי. ער איז געווען יונג פאַרזיכטיג, נישט פאַרשטאַנען אפילו, אַ מען דאַרף זיך היטען און אויסבעהאַלטען. אין די ראַפּאָרטען האָבן די פּיר־אויגיגע זיך געוויצעלט יועגען דעם פאַנטאַסטישען „זשודיאָ". די געהיים־אַגענטען האָבן אָבער געוואָלט צוגעבען בעדייטונג זייער מיסיע, און אַז זייער „וואַכעדיגע אויג" איבער „דאָן דאָמינגאָ" איז פון גרויסען בעדייט, האָט מען געמעלדעט וועגען אַלע זיינע געגנג און מעשים. אַז דאָ קומט ער פאָר ווי אַ פּאָלאַק, דאָ — ווי אַ רוס. דאָ גייט ער געשוירען — דאָ פּערוואַקסען היינט איז ער אַ פאַרמער — מאָרגען אין אַ פאַבריק.

אין דער הויפּט אָפּיס פון דער וועסטיגאַסיאָן האָט מען שוין געוואוסט, אַז דער „דאָם" דערנעהנטערט זיך צו די וועלדער פון קוואַטראָ אירמאַנאָס. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז ער האָט אָן דעם קאָנטאַקט מיט די פערבליבענע רעשטלעך פון די רעוואָלוציאָנערן, וואָס ליגען איין געפעסטיגט דאָרט,

אוו אפשר — פיהרט ער געוועהר פאַר די באַנדעס. אַ בעפעהל האָבן די טעלעגראַף־דראָטען אָפּגעקלאַפּט איהם צו אַרעסטירען, ווי נאָר ער יועט זיך פאַרנעמען אין וואַלד אַריין. און צוזאַמען מיט'ן בעפעהל האָבן זיך אוועקגעלאָזט אַ פּאַטרול פון פעלד־פּאָליציי. וואָס האָט זיך געפונען אין יענעם ראַיאָן, כדי בייהילפיג צו זיין דעם ספּעציעלען בעאַמטען פון דער וועסטיגאַסיאָן ביי דער הויפּט־פּאָליציי אין דער קאַפּיטאַל־פעדעראַל.

פון דער דאָזיגער בעגעגעניש איז דאָניען אום היימליך געוואָרן און ער האָט זיך שוין אָנגעהויבען כעס'ן אויף דעם „ליטוואַק", וואָס האָט איהם פאַרשיקט, כדי ער זאָל זיך אַליין אַריינגאַרען אין זאַק אַריין... ער האָט פאַרשנעלערט די טריט און אינמיטען גיין זיך אָפּגעשטעלט, איינגעהערט צי דערטראָגט זיך נישט אַ שאָרך פון טריט, אָבער אַ חי'ץ אַ רוישען אינ'ם וואַלד, פון די צווייגען, וואָס די מאַלפּעס האָבן געבראָכען, האָט ער נישט געהערט. ער איז אָבער געוואָרען אומרוהיגער און געפערסטער.

געגנוי דעם וועג ביז דעם דאָרף האָט ער נישט געוואוסט. דער ליטוואַק האָט איהם נאָר אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט פאַרלירען קיין צייט און זיך גלייך אַ רוק טון אין דער קאָלאָניע אַריין. און וואָס וועט ער אויסוואַרטען, ווען סך־הכל איז עס עטליכע קילאָמעטער.

ער האָט בעשלאָסען צו ענדערען דעם וועג, אַריינשניידען זיך אין וואַלד און דורכקרייצען אין דער ברייט. סיי ווי האָט ער געזעהען אַן אויסגעטראָטענעם וועג — מסתמא פיהרט דאָך דאָס ערגעץ וואוהין. אָבער פּלוצלונג, פון אונטער דעם ערשטען בוים האָט ער זיך אָנגעטראָפען מיט דעם פּנים פון דעם „שפּיצעל". יענער איז געשטאַנען גלייך, זיך געוויגט הינטער־ווייליכך, אויף די אָפּצאַסען. דאָניען האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיגער איז נאָר וואָס אַ בוים געווען און זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ מענשען.

וואָס מעהר דער „אַגענט" איז געזען רוהיג און געוואַרט ביז ער וועט זיך אַליין אויסשמיכלען, אַלץ מעהר האָט זיך דאָניע צעבראָכען, געוואָרען אומגעדולדיג און זיך נערוועז געגריבעלט אין די האָר. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאַרף

ער טאָן: גיין, לויפען, אָדער שטיין?

ענדליך האָט זיך דעם אַגענט אויך צוגעגעבען דער שווייגענדיגער שפּיל, האָט ער איהם מיט „פריינדליכער" שטים, וואָס האָט זיך ווי פון אַרויסגעזשאָווערט, געפרעגט:

— וואוהין סעניאָר?

דאָניע האָט דערקענט, אַז אין וואָרט „סעניאָר" איז געלעגען חוזק און פאַראַכטונג, האָט ער געהאַט נישט צו ענטפערען, נאָר איידער ער צו דער דעה געקומען, האָט ער שוין געהאַט געענטפערט ווי פטור צו ווערען:

— אין דאָרף. אין קוואַטראָ אירמאַנאָס.

דער שפּיאָן האָט זיך ממש אָנגעשטרענגט צו שמייכלען און צו ווייזען דאָמינגאָן, אַז ער שמייכעלט און במילא פילט ער זיך זיכער. ער געזאָגט:

— נענטט דער וועג איז דער ריכטיגער, סעניאָר.

ער האָט געקוועטשט די „ניאָ" און ... אַרויסגעקומען ווייך, אונטער דער נאָז.

דאָניע האָט זיך געמאַכט, ווי ער פאַרשטעהט נישט די בעליידיגונג און געענטפערט דרייסט:

— איך ווייס, סעניאָר מיאָ.

האָט דער בעאַמטער דאָניעס „קוועטשן" וואָרט „מיאָ" גענומען אויף זיין חשבון, אָפּגעבן דעם שמייכעל, צוגעזאָגט נעהנטער, ווי אַנגעגען ערנסט:

און פאַרוואָס האָסטו זיך גענומען אויף וועג, דורכ'ן וואַלד?

דאָניע האָט געשוויגען, געוואַרט אויף וואָס יועט נאָכקומען און דערווייל זיך אויסגעשטרעקט אַ וועג.

דער אַגענט האָט נישט לאַנג געלאָזט ...

— ווי אַזוי הייסטו?

דאָניע האָט געשוויגן. דער אַגענט האָט אָנגעהויבען זיין לאַך און פאַר דאָניעס אויגען אַ בלענדן געטאָן אַ בלעכעל, וואָס האָט זיך אונויפגעטראָפען מיט אַ שטיקעל שטראָהל, איז אַראָפּגעפאַלען פון אַ גרין בלעטעל. דער האָט געמאַכט ווי אַ חוב:

— אַ מען פרעגט דיך דיין נאָמען

(פאָרטזעצונג קומט)

איינשרייבונגען אין די שטאטישע פרעבעל-שולען!

די שטאטישע בילדונגס-אפטיילונג מעלדעט, אז איינשרייבונגען פון קינדער אין פאר-שול-עלטער אין די 13 שטאטישע פרעבעל-שולען וועלען פאר-קומען דעם 31. אויגוסט און דעם 1. סעפטעמבער פון 9 ביז 12 בייטאג אין פאלגענדע פונקטען: ראדוואנסקא 54, וואצלאווא 9, פושעיאזד 39, סרעבזשינסקי 17, גראדזינסקא 3 קאראלעוו) שלאנסקא 27, פאדמיעסקא 21, שעראקאווסקי 24 שרודמיעסקא 12, סיבאלסקא 16, לימאנאווסקי 124 סרעבזשינסקא 87 און ראקיטשינער 41.

ביי'ם איינשרייבען די קינדער דארפען די עלטערן מיטנעמען דעם קינדס מעטריקע ווי אויך אן אימפונגס-שיין.

פון דער 1-טער יודישער קאא-פעראטיוו-שול אין לאדז

די קאאפעראטיוו-שול א. נ. „נאאויקא אי חיכאוואניע" אויף פילסודסקיעגא 62 ענטוויקעלט זיך אין א זעהר שנעלען טעמפא. צום נייעם שול-יאהר ווערט איינגעפיהרט א מוסטערהאפטע קאא-דוקאציאנס-פרעבעל-שול, ווי אויך ריטמיק און האלב-אינטערנאט.

די יודישע לימודים צייכענען זיך אויס מיט זייער בריישען פראגראם און הויכען ניוואָ.

דער לאקאל איז אפגעפרישט און מאכט א זעהר עסטעטישען איינדרוק.

צוליב היגיענישע טעמים איז די צאהל שילער אין יעדער קלאס א באגרעניצטע.

דער לעהרער - פערסאנאל בעשטעהט פון ערפאהרענע פעדאגאגישע קרעפטען מיט הויכער בילדונג. די שילער ווערען סולקאם צוגעגרייט צו דער 1-טער גימנאזיאל-קלאס.

פון דער „פאוושעכנע באנק קרעדיטאווע"
פיעטריקאווער 23

דאנערשטאג, ד. 27-טען ד. מ. איז פארגעקומען די גענעראל-פערזאמלונג פון די „פאוושעכנע באנק קרעדי-טאווע". די פערזאמלונג עפענט דער וויצע-פרעזעס ה' איזידאר מאנטיפאנד, אלס פארזיצער פון דער פערזאמ-לונג ווערט אויסגעוועהלט ה' לייבעל לייזעראוויטש.

ה' מאיר נירענבערג און ה' עדעלמאן גיבען אפ א בעריכט פון דער באנק-טעטיגקייט, פון וועלכער ס'איז צו זעהן, אז די באנק האט זיך דורך דעם לעצטען יאהר זעהר שיין ענטוויקעלט און ערווארבען א גרעסערע צאהל מיט-גלידער. דיסקאנטא ווערט ערטיילט מאנאטליך צירקא 150 טויזענד זל. ה' ה. מילגראם ערגענצט דעם בעריכט און ס'ווערט אויסגעדריקט א דאנק די אלטע פערוואלטונג און ראט.

אין נייעם ראט ווערען געוועהלט ד"ר נ. קויאק, אדוו. סט. פרוכטגארטען, י. מאנטיפאנד, ר. גאטליב, ל. לוי-זעראוויטש, א. עדעלמאן, אושעראוויטש, קרזאנדזע, האמער.

אין פערוואלטונג ווערען געוועהלט ה' נאטאן צווילינג, ראזענמוטער, י. שטרייכער, ליבערמאן, מאיר נירענ-בערג, מ. קעניג.

KINO TEATR
MIRAŻ

היינט פרעמיערע!
הערליכער פילם פון דער פוילישער פראדוקציע א. נ.
די העלדען פון סיביר
אין די הויפט-ראלען:
Eugeniusz Bodo
Adam Brodzisz
K. Junosza-Stępowski.

דרייסטער באנדיטען-אנפאל
רויבער שיסען א יונגע פרוי

(א) אין דער פארלעצטער נאכט איז אין דארף סאשין אויסגעפיהרט געווארען א דרייסטער באנדיטען-אנפאל.

ארום האלבער נאכט האט אין דער כאטע פון רייכען פויער פראנטשישעק קוזאבראדזקי זיך ארייגעריסען א שייקע פון 5 באנדיטען, בעוואפענטע מיט רעוואלווערען, זיי האבען טעראריזירט די שטוביגע פאדערענדיג ביי זיי ארויסצוגעבען דאס געלד און די קאסטבארקייטען.

דעם פויער'ס טאכטער איז אין א געוויסען מאמענט געלונגען זיך ארויסצוכאפען פונ'ם פענס-טער אין דערנעבענדיגען גארטען אריין און זי האט אויפגעהויבען אן'אלארם. די באנדיטען זענען דאן צוגעלאפען צו דער שרייענדיגער און צו איהר עט-ליכע מאל אויסגעשאסען, זי האט בעקומען עטליכע שווערע וואונדען אין קאפ און ברוסט, און איז אנידערגעפאלען א בעוואוסטלאזע, אונצווישען זענען זיך צוזאמענגעלאפען די שכנים און, אז די באנ-דיטען האבען געמוזט עוקי-זיין גארנישט צוגע-מענדיג.

אין א גוסס'ען צושטאנד איז די פערוואונדעטע אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל, פאליציי האט פערהאלטען עטליכע פערדעכטיגע אינ'ם באנדיטען-אנפאל.

גנבאפט די איינברעכער פון ציטרינס פאבריק

(א) אין ציטרינס אפרעטור אויף וואלבארסקא 44 איז מיט 2 טעג צוריק אויסגעפיהרט געווארען אן'איינ-ברוך. די גנבים האבען צוגענומען סחורות אין דער ווערט פון עטליכע טויזענד זל. די זוכענישען פון דער פאליציי האבען געהאט אויף אזוי פיל די פעולה, אז אין דער וואוינונג פון א שוסטער אלטמאן (פראנטשישקאנער 44) איז געפונען געווארען א טייל פון דער גנבה. גלייכ-צייטיג דערמיט זענען ארעסטירט געווארען עטליכע גנבים וועמענס נעמען עס ווערען דערווייל געהאלטען אין גע-היימניש.

— ביי יאנקעל דאנציגער פון וואלבארסקא 7 האט מען צוגעגנב'עט זאכען פאר 300 זל. די גנב'טע זאל זיין א געוויסע באשע גרינבערג, א דינסט, וועלכע איז נעלם געווארען.

א רויבער, וואס איז אנטלאפען פון געריכט

(א) אויפ'ן וועג פון אלעקסאנדער, אין דער גע-געגנט פון זשאביעניץ און קאלי האט גראסירט א רויבער, וועלכער איז בעפאלען איינזאמע דורכגעהער און זיי בע-רויבט. צום מעהרסטען האט ער בערויבט פרויען, צוגע-נומען זייערע האנט-טעשלעך מיט געלד ווי אויך זייער ביזשוטעריע און איז אנטלאפען אויף א ראווער.

דער רויבער איז ענדליך געכאפט געווארען. ער הייסט פראנטשישעק גלאז, אן'אלעקסאנדראווער איינ-וואוינער. נעכטען איז ער פערמשפט געווארען אויף 8 חדשים תפיסה. דער פערמשפטער איז אינצווישען אנט-לאפען פון געריכט. ער ווערט פערפאלגט דורך דער פאליציי.

פערזענליכעס

דער לאדזשער ראבינאט'ס מיטגליד הרב ר' תפרצעל הארצשטארק האט זיך צוריקגעקעהרט פון אורלויב און שוין איבערגענומען זיין אמט.

וועגען וואס יעדער לאדזשער און לאדזשערין דארף וויסען

אין דער איצטיגער שווערער קריזיס-צייט מוז יע-דער איינער מאכען זיינע איינקויפען ווי אמביליגסטען און אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען. די דירעקציע פון דעם איינציגען איינציגען ביי אונז אין שטאט ווארען-הויז „קאנסום" ביי דער ווידזעווער מאנופאקטור ראקיטשי-נער 54, קענענדיג די איצטיגע שווערע צייט, האט פער-ביליגערט די פרייזען פון אלע ארטיקלען, דאמען, מענער און קינדער-קאנפעקציע, גאלאנטעריע סחורות, הויפט-זעכליך פראקטישע מתנות זענען די רעשטלעך און פראק אויסארבייטונגען פון דער ווידזעווער מאנופאקטור, וועל-כע ווערען פערקויפט אויסשליסליך אין קאנסום צו גע-וויינע פאבריקס-פרייזען.

וועגען דער גרויסער ווערבי-רונגס-אקציע
ביים בערעק-יאסעלעוויטש לעגיאן

גרויס אויפזעהן האט אין אונזער שטאט ארויסגע-רופען די ווערבירונגס-אקציע פון „בערעק יאסעלעוויטש לעגיאן". טאג-טעגליך קומען יוגענדליכע זיך פערשריי-בען אין אומזיסטען קורס פאר פיזישער און ספארטלי-כער ערציהונג, אזוי אז נאך א פאר טעג און די צאהל, וואס קאנען ווערען אריינגענומען ווערט ווערען איבער-פולט.

די ביז-איצטיגע טעטיגקייט פון לעגיאן, האט ווי בע-וואוסט, ארויסגערופען א שטארקען אנזעהן און אנערקע-נונג אין כמעט אלע קרייזען און שיכטען פון דער לאנ-דער יודישער אוז נישט יודישער בעפעלקערונג. א בעוויין דערצו זענען די הונדערטער אבסאלווענטען, וואס האבען געענדיגט דעם קורס אין לעגיאן, וועלכע נישט וועלענ-דיג פערלאזען די ווארימע השגחה און סביבה, וואס זיי האבען אין לעגיאן הן מצד דער קאמענדע, הן מצד דער פערוואלטונג און וועמענס שפיץ עס שטעהט דער בעקאנ-טער און בעוואוסטער קינסטלער ארטור שיק — האבען בעשלאסען צו גרינדען רעזערוו-קאדרען.

דער לאקאל פון לעגיאן ווערט פון ראס-ניי איבער-געבויט, אזוי אז עס וועט באמת זיין פאר יוגענדליכע א נחת רוח אריינצוקומען אין לעגיאן און צו פערברענגען די פרייע צייט ביי פיזישע און ספארטליכע פערמעסטונ-גען. דערצו ווערט אויך גרויס געוויכט געלייגט ווערען אויף דער קולטורעלער ערציהונג פון די יוגענדליכע, וואס וועלען אדורכמאכען דעם קורס פאר פיזישער און ספארטליכער ערציהונג. ביים בערעק-יאסעלעוויטש לע-גיאן.

פלוצלינג געשטארבען

(א) אויף צעגלאנא 9 (באלוט) איז פלוצלינג אוועק-געפאלען די 40-יעהריגע אלטע פיאנטקאווסקא, וועלכע האט שוין נישט צוריקגעוואונען דאס בעוואוסטזיין. דער פאגאטאווע - דאקטאר האט פעסטגעשטעלט דעם טויט פון א הארץ-אטאק.

א וואלד-שרפה

(א) אין די מלוכה'שע וועלדער אין וועגגלעוויצע, וולויינער קאנט, איז אויסגעבראכען א שרפה, פון פייער האבען זיך צעטרשט אנגעכאפט די וואלד-באדלען, דאן האט גראז, קוזשאקעס, א דאנק וואס די פלאמען האבען בליצ-שנעל זיך אויסגעשפרייט אויף א שטח פון עטליכע העק-טאר.

א דאנק דער רעטונגס-אקציע האט די שרפה נישט אנגענומען קיין דראהענדע פארמען. די שאדענס זענען בעדייטענדע.

זעלבסטמארדען

(א) אויף זגערזשער גאס האט זיך פערסמ'ט מיט זאלץ-זייערע די 27-יעהריגע אניעלא כאינאצקא, אהן א שטענדיגען וואוין-ארט.

— אין דער אייגענער וואוינונג אויף טארגאווא 85 איז בעגאנגען זעלבסטמארד דורך פערסמ'ען זיך מיט סוב-לימאט די 22-יעהריגע העלענא וואסקאווסקא.

ביידע זעלבסטמערדער זענען אין א שווערען צו-שטאנד אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

פארפאלט

(א) אויף מאסטאווא איז פון א וואגען איבערגע-פאהרען געווארען דער 11-יעהריגער קאזשימיערזש קאל-ניטשאק, ביי וועמען עס זענען צובראכען געווארען ביידע פיס. אין א שווערען צושטאנד איז דאס פערוואונדעטע יונגעל אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

— ביים בויען דאס נייע הויז אויף זשיוויעצקא 5 איז אראפגעפאלען פון דער רושטאוואניע דער 37-יעהרי-גער ארבייטער הענריק טקאווראנעק (בעמא 5). ביי איהם זענען צובראכען געווארען עטליכע ריפען.

פראטעסט-פערזאמלונג נעגען די א"י-געשעהענישען

אלעקסאנדער.

(פון אונזער קארעספאנדענט)

אין אלעקסאנדער איז דאנערשטאג ד. 27. פארגעקומען אין זאל בעראכאוו-היים א גרויסע פראטעסט פערזאמלונג נעגען די א"י געשעהענישען איינגעארדענט דורך אלע ציוניסטישע פארטייען דער פארזיצער ה' צאלעק עפענט די פערזאמלונג און ס'ווערט באערט דורך אויפשטיין פון די ערטער פאר די געפאלענע אין ארץ-ישראל.

מיט לענגערע רעפעראטען זענען ארויסגע-טרעטען די ה"ה צענדארף חזלעמער סענאל א. אנד. וועלכע האבען שארף פראטעסטירט נעגען דער ענגלישע מאכט.

צום סוף איז געווארען אדורכגעלייענט א רע-זאלוציע, אין וועלכעס ס'ווערט געטאדעלט די פא-ליטיק פון ענגלאנד וועלכע בעווייזט נישט אנצו-נעמען שריט א סוף צו מאכען צו דעם טעראר, וואס הערשט שוין דארט איניגע מאנאטען, ס'ווערט אויך שארף פראטעסטירט נעגען דעם פלאן פון עליה-טערמאט. ס'ווערט געפאדערט פון דער ענגלישער מאכט א סוף צו מאכען צו דעם טעראר און העל-פען פערווירקליכען דעם אויפבוי פון א יודישע נאצ. יאנאלע היים אין ארץ-ישראל. י. ל. ה.

צוגען, וואס הערען אויף צו קורסירען

די דריטע האנדעלס-פערקעהר אפטיילונג אין לאדז איז מודיע, אז די צוגען, וואס געהען אפ: פון פאבריקס וואקזאל אין דער ריכטונג פון ווידזעוו-לאדז און פון קאלישער-וואקזאל אויף דער ליניע זגערזש-קוטנא, וועלען פון 3. סעפטעמבער מעהר נישט קורסירען.

ווען די דאזיגע צוגען וועלען ווידער אנ-הויבען קורסירען וועט נעמאלדען ווערען.

טעאטער, מוזיק און פערוויילונג
(קאמוניקאטען)

אידא קאמינסקא'ס לעצטע פארשטעלונגען אין שטאטישען טעאטער

דער גרויסער ערפאלג, וואס אידא קאמינסקא מיט איהר אנסאמבל האבען אין שטאטישען טעאטער, איז צו פערדאנקען דעם אויסגעצייכנטען שפילען, ערנסטער רע-פערטואר און בסדר'דיגע קינסטלערישע אויפפיהרונגען.

היינט ווערען געגעבען 3 פארשטעלונגען, אין וועלכע די קינסטלערין אידא קאמינסקא וועט זיך צוזאמען מיט איהר אנסאמבל, בעווייזען אין דעם גאנצען פערנעם.

12 א זייגער מיטאג ווערט געשפילט „מוטערשאפט", 4 א זייגער נאכמיטאג גארדינ'ס „שחיטה" און 9 אוועגד פערלע'ס אויסגעצייכנטע פיעסע, וואס געהט מיט אנ-אונגעהויערן ערפאלג „בויע מענשען".

לעצטע גאסטשפילען פון פסח'קע בורשטיין היינט 3 פארשטעלונגען „א חתונה אין שטעטלי" און „מאטעל אין גן-עדן"

ווי בעוואוסט פערענדיגט שוין פסח'קע בורשטיין זיינע גאסטשפילען אין לאדז דינסטאג אוועגד קומט פאר דער געזעגענונגס - אוועגד. וועלכער זאגט צו צו זיין זעהר אמוזאנט און אינטערעסאנט.

היינט ווערט געשפילט דריי מאל, 12 פארמיטאג „א חתונה אין שטעטעל", 4.15 נאכמ. און 9.15 ווערט גע-געבען די שטארק אויסגענומענע פיעסע „מאטעל אין גן-עדן".

ראדיא - פראגראם

זונטאג, דעם 30-טען אויגוסט

8 מארגען-ליד, 8.18 פליטען, 8.45 מארגען-צייטונג, 10.30 קאנצערט זשוטשען, 11.57 צייט-סיגנאל, 12.03 1000 מוזיק-טאקטען, 2.30 פערוויילונגס-קאנצערט, 3.15 רעקלאמע-קאנצערט, 3.30 פארטעפיאן, פידעל. הארפע (פליטען) 4.30 רעפארטאזשען, 5 סאליסטען - קאנצערט, 6 פארן מיקראפאן, 7.55 פארטעפיאן - רעטשיטאל (קרא-קא) 8.25, פאעזיע פון די טאטרען, 8.40 פאליטישער אי-בערזיכט, 8.50 אוועגד-צייטונג) 9 הערשפיל. 9.30 גע-זאנג, 10 ספארט, 10.15 פליטען, 10.20 קאנצערט.

Dr. med. Niewiażski
ספעציאליסט פאר טריפער, סיפיליס און הויט - קראנקהייטען בעהאנדלונג פון מענער - שוועכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
פראנט, 1טער שטאק
נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוועגט
זונטאג און יום טוב פון 9—1 נאכמיטאג.
ספעציעלער ווארטע - זאל פאר פרויען!

Lekarz-Dentysta
H. FILLAT
Piotrkowska 43
צוריקגעקעהרט
עמפפאנגס-שעה'ן פון 10—1 און 3—7 נ"מ
זונטאג און יום-טוב פון 10—1 בייטאג.

Lekarz-Dentysta
N. KACZANOWSKI
נעהמט אן אין אמבולאטאריום פון דער געז. „לינת המשמרים"
פילסודסקיעגא 21, טעל. 242-55
אין די שעה'ן פון 9—11 פריה
און פון 5—9 אוועגט

Dr. med.
Klara Margolis
קאבינעט פאר פיזיקאלישער היילונג
Piotrkowska 113, tel. 165-17
צוריקגעקעהרט.

Dr. med.
Ignacy Margolis
אויגען-קראנקהייטען
Piotrkowska 113, tel. 165-17
צוריקגעקעהרט.

Starszy Felczer
B JOSKOWICZ
פולנאצנא 4, טעל. 141-86
נעמט אן טעגליך פון 8—11 און 4—6 נ"מ
טעגליך פאקען-שטעלען
מיט פרישע קראוויאנקע.

DR.
S. Kantor
ספעצ. פאר הויט און וועגערי'שע קראנקהייטען (מענער-שוועכע)
90 פיעטריקאווער 90
טעל. 129-45
נעמט אן פון 8—2 נאכמ. און פון 6—9 אוו.

Dr. med.
J. GOLDBERG
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Śródmiejska 20, tel. 186-13.
נעמט אן פון 11—1 און פון 7—8 אוועגד

Dr. med.
M. JAKOBSON
כירורג
פיינער-כירורג-ספעציאליסט
D-ra Sterlinga 22
(Nowa-Targowa) tel. 174-42.

Doktór Z.
HENRYKOWSKI
ספעציעל-ארצט פאר מענער - שוועכע וועגערישע און הויט-קראנקהייטען
טראוגוטא 9 טעל. 262-98
נעמט אן פון 8—1 און פון 5—9 אוועגד
זונטאג פון 9 פריה ביז 12.30 מיטאג
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען

וויכטיג פאר אלע!
דרוקעריי
בראמבערג
8 — לאדז — 8
צעגעלניאנא
טעלעפאן 255-09.
טריקאטאזש-פאבריק טריקא-עטיקעטען
שטריקער-פאבריק שטריקער-באנדעראלען
וועש-פאבריק פערשיר, עטיקעטען און סיטען
קאנפעקציאנערען טיטען-עטיקעטען
שניידער-מייסטער מאס-ביכער
בעקער-מייסטער ברויט-עטיקעטען
בריוובויגען, קאנווערטען, רעכנונגען ווי אויך חתונה-קארטען צו ביליגע פרייזען.

Dr. I. Piechowicz
ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
פערהיטונג נעגען שוואנגערשאפט
שרודמיעסקא 18, טעל. 107-79
נעמט אן פון 8—10 פרי און 3—7 אוו.

DR. MED.
G. GERSZTAJN
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Traugutta 12, tel. 175-10
נעמט אן פון 11—2 און פון 5—830 אוו.

KONSUM
PRZY WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE S.A.
רי קיטשינער 54 צופאָהר מיט די טראַמוואַיען 10 און 6.

פיל טויזענדער קליענטען בעוואונדערן אונזערע נידריגע פרייזן

נייע איים די געלעגענהייט און איבערציינ זיך זעלבסט וועגן דער קוואַליטעט, גרויסער אויסוואַהל און אויסערסט נידריגע פרייזן, וואָס ווערן פערקויפט אין קאָנסום. ■ מיר ערמעגליכען אויך דאָס ברייטסטע פובליקום קיין סאָוויעט-רוסלאַנד אויס'ן גרינגר פון א ספעציעלען אפמאַך מיט'ן פאָרשטעהער פון Z. S. R. R. ——— איינפאָרמאַציעס אויפ'ן אָרט.

קלאַנג-קינא **CAPITOL** זאַוואַדזקאַ 16

היינט און פאָלג. טעג! מייסטערווערק פון רעזשיסער FR. BORZAK א. ג.

„פראַמענאַדע פון ליבע"

אין די הויפטראָלען: POWELS, RUBY KEELER עס נעהמען אנטייל איבער 250 טנצערינס ||| ——— אויסערן פראָגראַם: P. A. T. און אקטואַליטעטע

היינט און פאָלג. טעג

הורט ——— דעטייל
לאַגער פון עמאַלירט, אַלימיניום און געצינקט געשיר
ל. איזביצקי, לאָדז,
אגראַדאַוא 10, טעל. 131-93
וואוינונג טעל. 131-94. —::— פ. ק. א. 61856.
שמאָהל-אויסאַרבייטונג און בלעך-גאַלאַנטעריע אין א גרויסען אויסוואַהל. מעסער-אויסאַרבייטונג פון דער פירמע געריאָך און אנדערע, הויזמאַשקעס, פרעס-אייזענס געניקעלטע און מעשענע. טערושער'ם, פּלאַטער'ם און בעשמעק. אלע ארט שפרים, נאָפט און פרימוס-מאַשינקעס, ניקעלנע טאַצן, פערשידענע קאַוועס-ציהלען, פלייש-מאַשינקעס
אייזערנע טעפּ, צווייזייטיג עמאַלירט.

קריינע אַנאַנסען

1 זלאָטי אַנ'אַנאַנס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

וויכטיג פאַר דאַמען
נאָר 2 זל. ווערען פאַר איבערגען מאַכט די עלטעסטע
היטען
אויף גאַנץ ניי ווי אויך נייע היטען צו
3.50
„TOLA"
25 Zawadzka 25

לעזט און פערשפרייט דעם נייעם פאָלקסבלאַט

א טישלער גיט ארויס אויף ... בענק פאַ- בתי-תפילות אויף די ... נוראים צו זעהר ביליגע פרייזן. ... נאַצנא 27 ביים טישלער שמואל ...

א פעהיגער מענש, וואָס קען שרייבען רעכענען ארבייטען פיזיש זוכט א ... פאַר קליין געהאַלט. אפערטען ... „פעהיגען".

בחנם ווערט צוגעפאַסט אלערליי גלעזער

„OPTICUM"
28 פיעטריקאָווער 28
בעזיצט אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון פערשידענע ברילען, בינאָקלען, אלערליי צילינדער-גלעזער, ... בינירטע גלעזער, טערמאָמעטערס ...
אלעס צו די ביליגסטע פרייזן
ס'ווערן אויך אויסגעפיהרט זעמטל. רעצעפטן פינקטליך און רעיעל. — געדענקט די ... עס ווערען אָנגענומען אלע ארט רעצעפטן פון די ה"ה דאָקטוירים.

פרייע פּאָסטענס

ס'קענען זיך זאָפאָרט מעלדען ערשטקלאַסיגע קוואַליפיצירטע האַנט-נייהערינס צו דאַמען-מאַגאַזין ביי ל. שלאָמאָוויטש זגערזשער 14.

ס'ווערען געזוכט מעדלעך צו לייכטע האַנד-שטיקעריי. ערפאַהרען שקאָלנאַ 1 וו. 20 ביי האַרענדאָרף.

א מאַשינער און האַנד-נייהערינס צו דאַמען-מאַגאַזין ווערען געזוכט. צו דערוויסען זיך ביי פריליך. פאָמאָרסקאַ 33.

ס'איז נויטיג א לערן-מיידעל צו אויבערוועש, פון באַלד געצאַהלט. צו ערפאַהרען פראַנטשישקאַנער 58, וו. 16, ביי דימאַנט.

ס'זענען נויטיג מיידלעך צו גאַרסעטען און ביוסטאַנאַשען. נאַוואָמיעסקאַ 3 וואוינונג 36.

מעטאַל - דרייער קענען בעקומען ארבייט אין דער מעטאַל-פאַבריק קילינסקיעגאָ 87, פוטערמאַן.

ס'ווערט געזוכט א קוואַליפיצירטע פערקויפערין צו שיך, האַנעלעוויטש, זשגאַווסקאַ 2, ס'קען זיין מיט בעקעסטיגונג.

פערשידענעס

געלעגענהייטליך צו פערקויפען אַנ'ארוין-קורס פרייזווירדיג, אין גוטען צושטאַנד. קאַמיענגאַ 13.

א גוטער פאַכמאַן, וואָס קען ערשטקלאַסיג אָנדולירען זוכט אין א רעזורע א פּאָסטען צו ערפאַהרען ריבנאַ 15, איצקאָוויטש וו. 15.

אכטונג! איך נעהם אָן 156-ער רענדער אויף לוין צו מאַכען ביליג. — זגערזשער 18, פראָנט, 3. שט. וו. 16, וויינגאָלד.

דויערנדע אָנדולאַציע 5 זל. גאַראַנטירט מיט פראַנצויזישע אפּאַראַט אָדער עלעקטריש. טאַרגאָווע 38, ביי שייבלערס מאַרק.

שרייבען שעהן און שנעל
לערנט אויס דער בעוואוסטער קאַליגראַף ל. בערמאַן אין 15 לעקציעס, אויך ווערט אויסגעלערנט גוט שרייבען א יודישען בריף אין פערלויף פון א חודש אפילו דעם, וואָס קען גאָרנישט. די עלטער שפּילט קיין ראָלע. די פרייזען זענען ביליג. — אלעע 1-טער מאַי 4, ביי ליפשיק.

פון באַלד ווערט געזוכט צו ... גען א פראַנטאָווע שטיקל פלאַץ, ... א שאַפע אויף א קויהלען-האַנדעל. ... איז אויך נישט אויסגעשלאָסען ... הויף. בעמערקונג: איך בין אויך ... לעקטאַנט אויף אָפּצוקויפען אַנ'ענט... כענד קויהלען-געשעפט. טעלעפאָן ... 194 59. (מעקלער געווינשען).

ווילסט פערקויפען א ניימאַשין
און ערצילען דעם העכסטען פרייז
ווענד זיך צו:
...kład maszyn do szycia
...inger i Lachman
Łódź, Zydowska 2,
telefon 246-73.

...fet przy szkole do oddania. ...zenia pod „Egzystencja" ...dministracji.

...B. Windzberg
CHIRURG
przyjmuje od 1—3 p. p.
Piłsudskiego 15
tel. 206-75.

די דירעקציעס פון די פרויען-גימנאַזיעס און פאָוושעכנע שולען ביי די דאָזיגע גימנאַזיעס מאַכען בעקאַנט, אַז די איינשרייבונגען פון נייע קאַנדידאַטקעס נעהמען אָן די קאַנצעלאַריעס אין פאָלגענדע טערמינען:

Pryw. Gimnazjum Żeńskie im. Józefa Aba z praw. gimn. państw.	Legjonów 10 tel. 122-12	פון 24-טען אויגוסט אין די שעה'ן פון 10—13
Pryw Gimnazjum Żeńskie Marji Hochsteinowej z pełnemi prawami Kategorja A.	Wólczańska 23 tel. 214-27	פון 24-טען אויגוסט אין די שעה'ן פון 10—14
Pryw. Gimnazjum Żeńskie E. Jaszuńskiej-Zeligmanowej z praw. gimn. państw.	Południowa 18 tel. 168-82	פון 24-טען אויגוסט אין די שעה'ן פון 10—14
Prywatne Gimnazjum Żeńskie „Wiedza" L. MAGALIFOWEJ z praw. gimn. państw.	Narutowicza 17 tel. 175-38	פון 20-טען אויגוסט אין די שעה'ן פון 10—14 און 17—19

FIRANKI Story, Kapy, Serwety ręcznej roboty połeca po cenach konkurencyjnych

L. WALDMAN Śródmiejska 22, tel. 186-77. Firma egz. od 1910 r.

FABRYKA NAPOI GAZOWYCH
R. Frydwald
Piłsudskiego 69, tel. 190-48
עמפפעהלט
סאָדעוואַסער א"ע לעמאָנאַד
וואָס ווערט אפגעשיקט פינקטליך אַהיים
בעשטעלונגען ווערען אנגענומען א גאַנצען טאָג.

DYREKCJA
Kolei Elektrycznej Łódzkiej
Spółki Akcyjnej w Łodzi
podaje niniejszem do wiadomości, że począwszy od 30 sierpnia b. r. pociągi linji No. O i 5 z powodu ukończenia robót wodociągowych będą kursowały jak poprzednio, to jest przez ulicę Andrzeja

לעטשניצע
פאַר ווענעריש קראַנקע פון דאָקטוירים ספעציאַליסטן
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1
טעל. 122-73
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונט.
ווענעריש-קראַנקע, מענערשוואַכע און הויט-קראַנקהייטען
אנאַליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאַציע
איז טעטיג א גאַנצען מעת לעת
פאַר פרויען א ספעציעלער וואַרטע-זאַל
א באַראַטונג 3 זל.

ד"ר העללער
ספעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער - שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8. טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט.
זונטאָג פון 10—2 מיטאָג.
פאַר פרויען — א ספעציעלער וואַרטע-זאַל
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען

Dr. med.
M. TAUBENHAUS
צוריקגעקעהרט
ספעציאַליסט
פאַר אקושעריע און פרויען קראַנקהייטען פערהיטונג בעגען שוואַנגערשאַפט
זגיערזש 11. טעלעפאָן 246-09
נעמט אָן פון 8—9 פריה און פון 4—8 אָוו.

וויכטיג פאַר ברוך-קראַנקע
(רופּטורע) זאָווי פון פערקרימונגען פון רוקען-ביין (הויקערס), פּאַראַליזשע, ביין-שווינדזוכט, פלאַטפיס און פערשידענע אנדערע פערקריפלונגען-ליידענדע.
פאַר פערשידענע ארט רופּטורע: פערעלטערטע און די געפערליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער ספעציעלע ארטאָפעדישע הייל-באַנדאַזשען לויט מיין מעטאָדע היילן און בעזייטיגן ראַדיקאַל יעדן איינציגן ברוך.

ביי מאַגען און קישקע - זענקונג ספעציעלע אינדיווידועל צוגעפאַסטע לייב-הייל-באַנדאַזשען.
פאַר הויקערס ספעציעלע קאָרסעטען און גלייכהאַלטערס.
געגען ביין-שווינדזוכט ספעציעלע אָרטאָפּעדישע אפּאַראַטן פון אלע סיסטעמען.
געגען שמערצענדע פּלאַטפיס ספעציעלע ארטאָפעדישע איינלאַגען לויט גיפּס-מאָדעלען.
געגען קרומע אָדערן ספעציעלע גומי-שטרימפּ לויט מאָס.
קינסטליכע הענד און פיס
ספעציעלע הייל-ארטאָפעדישע אנשטאַלט
ספעצ. ארטאָפּעד
א. פּעטריקעוויטש, לאָדז
9 פּיראַמאָוויטשאַ 9, טעל. 177-09 (פריהער אלגיינסקאַ
אכטונג! קראַנקע מוזען זעלבסט ערשיינען.
סויזענטער דאַנקזאַגונגען קענען בעוויזען ווערען

Za wydawnictwo „Najer Folksblat". spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub. Redaktor odpowiedzialny: Chanon Kaufman
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21